NOAH COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00199

# BEBZIK

Henry Rosenblatt

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Melvin & Millcent C. Kaplan-Kaplan*
*in memory of their grandparents, Benjamin & Ethel Goldreich Brafman and*
*Saul & Sarah Lewis*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. רויזענבלאט



דאָס לעבן פון אַ אידישן אינגל

אַרויסגעגעבן פון
צענטראַל קאָמיטעט פון די אידישע פאָלק שולן

צייכענונגען פון **שאול ראַסקין**

Copyright 1940 by the

CENTRAL COMMITTEE of the JEWISH FOLK SCHOOLS

450

# בעבדיק איז אַ בוך פאַר און

# וועגן קינדער.

באַ אונדז איז מען געוואוינט צו באַטראַכטן יעדעס בוך, וואָס שילדערט דאָס קינד, ווי אַן ענין, וואָס געהערט דורכאוים צום קינד, איז אויסשליסלעך אַ פּראָדוקט פאַר דער מאָדערנער שול און מיטן דערוואַקסענעם לייענער האָט עס ווינציק וואָס שייכות. מיט ווינציק אויסנאַמען, ווי, ש ל ו ם ע ל י כ ע מ ' ס קינדער־מעשיות, י ע ק ב ד י נ ע נ ז אָ נ ס קינדער־נאָוועלן, און י ה ו ד ה ש ט י י נ ב ע ר ג ' ס קינדער דערציילונגען — ווערן אַזעלכע ביכער אויסגעשלאָסן פון אַלגעמיינעם לייענער. לאַד איך דאַריבער איין דעם אַלגעמיינעם לעזער זיך צו באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון פאָלגנדיקן בוך, שליסן באַקאַנטשאַפט מיט מיינע קליינע פאַרשווינדלעך און זייערע נאָענטע. איך וויל האָפן, אַז מיין באַשיידן ווערק וועט אויפוועקן אין זייערע געמיטער וואַרעמע דערינערונגען פון אַ וועלט, וואָס איז ערשט געווען...

פאַר די קינדער פון דער מאָדערנער שול און אידישער היים, האָף איך, וועט מיין ווערק זיין אַ מין געשיכטע פון אַ קינדערוועלט, וואָס קיטלט זיך ענג מיט זייערער. דער קינדערשער לעבנסשטייגער, כאָטש אַביסל פרעמדלעך פאַר זיי, וועט דאָך זיין פאַר זיי אַ געפינס... דער „היימישער" פאָלק־לאָר, דער קינדערשער, פון אַזאַ נאָענטן אינטערעס, אַז עס וועט כדאַי זיין זיך מיט אים צו באַקענען.

ה. ר.


אייגעלעך
פאַרגאַפטע




אינדרויסן ווייט אַ ווינט און ס׳שנייט
אַף נאַניקעס און דעכער.
עס לייגט די נאַכט זיך שאַכט אַף שאַכט
און וואַקסט געדיכטער, העכער.

אינדרויסן שטייט אַ שטאָט פאַרשנייט,
די גאַסן זילבער-גרויע.
אַף איינער פון די גאַסן זיצט
אַ שטוב מיט לאָדן בלויע.

אין שטוב איז דאָ אַן אַלקערל,
אין אַלקערל — אַ שפּיגל,
אַ זייגער און אַ לעמפּעלע,
און ס׳הענגט אַ ליידיק וויגל.

דאָס לעמפּל קלימפּערט אַפן וואַנט,
דער זייגער-אומרו רעשט זיך.
אין הרובע ברענט און אַף דער שוועל
די קאַץ, די ראַבע, וואַשט זיך.

— וואָס וואַשט זי זיך, די נאַשערן? —
ווינקט ס׳לעמפּעלע צום זייגער.
זי ריכט זיך, אַז אין דער-אָ נאַכט
אַ גאַסט זאָל קומען?... פרעג איר!

די טיר פאַרשלאָסן און פאַרשפּאַרט,
דער טויער, צוגערינגלט.
דער לאָדן, ווי אַ טײַנער בריוו,
פאַר'חתמ'עט און פאַרזיגלט.

טאָ, וואָס זשע וואַשט זי זיך באַם שוועל?
וואָס איז זי מיט דעם אויסן? —
דער גאַסט וועט קומען הײַנט באַנאַכט
נאָר ניט פון ווײַסן דרויסן...

* * *

אינדרויסן שנייט, אַ בורע ווייט,
די טעלעגראַף־סטאָלבעם ברומען —
פון אַלקער קלינגט אַ גלעקעלע:
— כ'בין דאָ!... איך בין געקומען!...

# בעבזיק זעט די זון.




ר האָט די אײַנגעלעך פאַרגאַפּט
צום פענצטער אויפגעהויבן;
דערזען צום ערשטן מאָל די זון
זיך רויטלען אַף די שויבן.

ער פּילט הינטערן קעפּעלע
אַ האַנט, אַזאַ געטרייע
און ביי די ליפּעלעך די ברוסט
דער מאַמעס — אַ מחיה!

ער גיט אַ צי... פאַרלירט... געפינט...
פאַרלירט... געפינט זי ווידער;
דער מאַמעס ברוסט איז וואַרעם, זיס
צעגייט אין אַלע גלידער.

דער אויוון ברענט. עס שטייט אַ טאָפּ
אַף קוילן, רויט צעגליטע.
אין ווינקל ליגט אַ הענדעלע
געפּענטעט צו דער שחיטה.

און בעבזיקן געפּעלט דער פלאַם,
די קוילן ווי זיי גליען.
נאָר וואָס איז דאָס, וואָס טריפעט זיך ?
וואָס וויל און קען ניט פליען ! ?

דורכן פענצטער אָבער שטראַלט די זון
און וואַרעם קלינגט דער הימל.
און בעבזיק שליסט די איינגלעך
און גיט זיך אָפּ צום דרימל.



מאַכליע די „באָבע“

# מאַכליע, די „באָבע״



קאָפּ מיט אַ קופּקע,
אַ האָרב אין פּאַנטאָפל,
פאַרזשאַווערטע ברילן,
אַ נאָז — אַ קאַרטאָפל.

סע מאַכליע די „באָבע״.
און מאַכליע׳ס זכרון —
אַ פּנקס פון נעמען,
פון יחוס און יאָרן...

אַ האַלב פון דעם שטעטל —
ווער עלטער, ווער אינגער —
געמוזט האָט אַדורך
דורך מאַכליע׳ס צען פינגער...

— דער אַלטער בית־חיים —
זאָגט מאַכליע — איז הייליק,
איך האָב אין די קברים
אַ היפּשלעכן חלק.

ווי פיל פון די ביינער
פאַרמאַכט אין די קברים,
האָב איך דאָס געוויקלט,
געווינט אַף מיין אָרעם. —

און מאַכליע, אַזוי ווי
אַ באָקסער געבויגן;
מיט אירע כמעט שוין
פאַרלאָשענע אויגן,

באַם ליכט פון דער זון און
באַם שימער פון שטערן,
גאָטס היטערן איז זי
באַם נס פון געבערן...

ווער קען אַזוי טרייסטן,
ווי אירע צוויי ליפּן?
ווי אירע צען פינגער, —
אַ נאָפּל פאַרקניפּן?

און מאַכליע קאָכט יאַיכלעך,
בראָקט לאָקשן, באַקט קוכן;
טוט איינגעמאַכטץ פּרעגלען
און טוט אים פאַרזוכן.

טוט קינדערלעך באָדן,
טוט ווינדעלעך וואַשן,
טוט היטן די קאַץ און
די דינסט — זאָל ניט נאַשן.

— ס'איז, באָבעניו, שפּעט שוין.
די נאַכט באַלד פאַרלאָפן.
— צוערשט זיך אָפּפּאָרן,
און נאָכדעם ערשט שלאָפן.

און מאַכליע לייענט קריישמע
ווען ס'נעמט שוין שאַרייען
אַף טאָג, און די הענער
אין דאָרף נעמען קרייען.

# דער רוגז




ין ווינגעלע אַ אינגעלע,
אַ צאַפּלדיקס, אַ זשוואווע.
צוויי הענטעלעך, צוויי פּיסעלעך —
אַזוינע בוראַטשקאָווע!

צוויי איינעלעך, ווי שרעטעלעך,
און ליכטיק ווי דער שפּיגל.
דער אומרו ווינט זיך אַף דער וואַנט, —
איז ברוגז אַפן ווינגל:

— קוק אָן, ווי ס'קרימט זיך מיר דאָס נאָך!
אַן עזות! ווי געפעלט דיר?!...
האָט גאָר קיין דרך ארץ נישט,
קיין אָפּשיי ניט פאַר עלטער!

איך וויג זיך דאָ שוין דורות לאַנג,
פאַרזשאַווערט, אַלט געוואָרן...
מיר דאַכט כ'האָב אויסגעוויגט פון זיך
אַ אייביקייט מיט יאָרן.

עס הערט זיך איין דאָס ציפּער-בלאַט
און ס'אַלטע האַרץ נעמט קלעמען.
ער טוט אַ רוק די ווייזער צוויי
און כמורעט אָן די ברעמען.

# דאָס קריאת שמע לייענען



וט מאָרגן, ליכטיק אינגעלע!
נאָר, שאַ! ניט שיין צו וויינען:
אַ גאַנצע גאַס מיט אינגעלעך
וועט קומען קריאת שמע לייענען:
אל מלך נאמן———

אוי, אינגעלעך, ווי וויזעלעך,
מיט עפּל-רויטע בעקעלעך,
מיט קאַרשן-שוואַרצע אייגעלעך!
מיט קעלבעלעך, ווי גלעקעלעך:
אל מלך נאמן———

— וואָס פינקלען זיי, די אייגעלעך?
וואָס פּאַליען זיי, די בעקעלעך?
— דער באָבעס מאַנדל-ביינעלעך,
קישמיש און האָניק-שטעקעלעך:
אל מלך נאמן———

דו זעסט אין ווינט ווי ס'פּלאַטערן
קאַפּאָטקעס, טלית-קטנ'דלעך?
אָפּצאָסן, פּיאַטעס, שטיוועלעך
און לאַנגע דינע שאָטנדלעך?
אל מלך נאמן———

מיט עקעלעך פּאַרריסענע,
צעשראָקן שפּרינגען ציגעלעך
און קאַטשקעלעך און הינדעלעך
מיט צאַפּלדיקע פליגעלעך.
אל מלך נאמן———

און זע: באַם שוועל דאָס קעצעלע.
עס וואַשט זיך מיטן צינגעלע:
עס קומען געסט... חברימלעך —
גוט מאָרגן! ליכטיק אינגעלע!!

אל מלך נאמן———

# רב זימלס חלף



דאָס לעמפּל צאַנקט נאָך פון באַנאַכט
דער זינגער-אומרו וואַרפט זיך:
— אַ מנין ז׳דאָ! — רב זימל וואו?! —
רב זימלס חלף שאַרפט זיך.

עס הוסטן שטיוול אָפּן שניי,
עס גענעצט אויף דער טויער.
דער אינדערפרי איז בלוי ווי שטאָל —
רב זימלס חלף — בלויער!

די שוואַרצע פּאָלעס אָפּן ווינט:
אַט פליט ער און אַט פאַלט ער.
די לופט איז ווי דער פּחד קאַלט —
רב זימלס חלף, — קאַלטער.

— וואָס איילט ער זיך אַזוי פאַרטאָג!
— ער איילט, מסתמא דאַרף ער!
דער ווייסער פראָסט איז שאַרף ווי פּיין —
רב זימלס חלף — שאַרפער.

די זון בליצט אויף, דאָס פענצטערל
ווערט ליכטיק-גרין און גרינער.
פון אַלקער ציט אַ דין געוויין —
רב זימלס חלף — דינער...

— רב שמחה וואָלעך, סנדק!...און
רב זיידל סאַמעט, קוואַטער!
דאָס קינדיש לייב איז גלאַט ווי זייד —
רב זימלס חלף — גלאַטער!

רב שמחה איילט זיך: — מ ו ה ל, נו־ו־ו־ו־ו־!!!
(ניט דאָ געדאַכט, אַ טרינקער...)
רב זיידל מאַכט עס פּיפּיק, פלינק —
רב זימלס חלף, פלינקער...

דער קאַלטער מזרח זשאַרעט אוף,
די לופט, דורכזיכטיק, לויטער.
די שויבן ווערן שאַרלאַך רויט —
רב זימלס חלף — רויטער...

עס קלינגט אין דעם געווימל אוף
אַן אָפּגעשיידטער נאָמען...
עס ציטערט אוף אַ בלייכע ליפּ.
און עמעץ ענטפערט אָ מ ן!

# רכילות




ער זייגער מורמלט אינדערשטיל,
דאָס לעמפּעלע פּאַרטראַכט זיך:
— ווי, זאָגסטו, הייסט דאָס אינגעלע?
— מע רופט אים ב ו ז י, דאַכט זיך.

די קאַץ באַם אויוון כאַפּט זיך אויף,
איז פּלוצים וואַך געוואָרן.
— אָט האָסטו דיר אַן עדות'טע...
דער אמת'ער זכרון!

— זיין טאַטע רופט אים, ווערוריקל,
די מאַמע — פּיצל, ברעקל:
די באָבע רופט אים ב־ע־ב־ז־יי־ק־ל!
די שכנה — וויזל, שנעקל! —

דאָס לעמפּעלע דערלאַנגט אַ פּאָרשק,
און נעמט פאַרשלאָפן שטראַלן: —
די אַלטע רופט אים, ב־ע־ב־ז־יי־ק־ל־ל־־ל!?
איז דאָך ניט שייך... פאַרפאַלן!

די אַלטע, אַז זי שפּאַרט זיך איין,
איז ניט צום איבערשפּאַרן.
און ב ע ב ז י ק ליגט אין ווינעלע, —
אים הייבט נישט אָן צו אַרן.

ער שלאָפט נאָך ניט... די איינגעלעך
צום באַלקן, שטאַרק פאַרנומען:
אין אַלקער פליט אַרום אַ פליג
און הערט ניט אויף צו זשומען.

אָט איז זי דאָ... אָט איז זי דאָרט,
און פּלוצים — האַ?... וואו איז זי?
— באַם שפּין אין נעץ... זי ראַנגלט זיך,
און יאָמערט: — ב־ו־ז־י! ב־ו־ז־י! — —

— פונוואַנען ווייסט זי ווי ער הייסט?!
— זי ווייסט ניט... גראָד געטראָפן.
היינט גיי דערפרעג זיך, אַז זי וויינט,
און, — ס'קינד איז איינגעשלאָפן.

# בעבזיק האַלט ניט פון באָדן זיך

דער קאָפּ מיט דער קופּקע, אַ שד, אַ ניט-גוטער!
דערקוטשעט און מוטשעט; אין טויט אַריין טוט ער.

אָט נאָר וואָס געוויקלט און,—וויקלט שוין ווידער
און טאַפּט אים און קנעט אים און ציט אים די גלידער.

ער קען זיך אין ווינקל קיין אָרט ניט געפינען:
אַ גענעץ טון קען ער זיך אויך ניט פאַרגינען.

אָט, ווי נאָר ער איז זיך צום גענעצן מכין,
איז תיכף: „טפּיו-טפּיו״... אַז עס גלוסט זיך
אַזש ברעכן.

נאָר דאָס וואָלט ער ווי סע ניט איז שוין פאַרטראָגן —
דאָס ערגסטע פון ערגסטן באַ אים איז דאָס באָדן!

— אַ סגולה צום געזונט און צום וואַקסן אַ מיטל! —
דאַריבער? דאַרף קאָכן דאָס וואַסער אין ביטל?!

און וואַסער פון פאַס וואָלט, חלילה, ניט טויגן?
און וואָס דאַרף מען זייף, אַז,— עס עסט אין די אויגן!

וואָס דאַרף מען דאָס קעפּעלע שייערן, רייבן?
באַלד וועט אַף דעם גאָר שוין קיין האָר ניט
פאַרבלייבן.

און וואָס דאַרף מען דריליעווען דאָס נעזל מיט וואַטן?
און אַז ס׳איז אַביסל פאַרלייגט, וואָס קען שאַטן?

ערשט גוט ווערט אים דאַן בעת די באָבע, די צרה,
נעמט שעפּטשען און מורמלען, שפּרעכט אָפּ
אַן עין-הרע.

ער הערט זי שוין אָבער ווי טרייטל דעם קאָטער.
ער מאַכט צו די אייגלעך די בלויע און—פּטור!...

# בעבזיקלס באָבע




ין שטוב דרייט אַרום זיך
אַ ליכטיקע באָבע
און שמייכלט און שעפּטשעט
און קלייבט עולם-הבא.
אַ קליינטשיקע איז זי,

אַ פלינקע, אַ זשוואַווע.
אַ קול פון אַ גלעקל,
אַ גאַנג פון אַ פּאַווע.

צוויי איינגעלעך האָט זי
ווי שטערנדלעך ריינע,
וואָס שמייכלען און וויינען
באַם צאינה-וראינה.

צוויי הענטעלעך האָט זי
ווי ליאַלקעס, ווי טאָקן,
וואָס העפטן און שטריקן
און צירעווען זאָקן.

צוויי ליפּעלעך האָט זי,
וואָס שמייכלען כסדר,
אַזוי ווי זיי וואָלטן
געטאָן זיך אַ נדר . . .

בראָד-טאָג און זי זיצט שוין
באַ בעבזיקלס וויגל
און שפּיגלט אין אים זיך
אַזוי ווי אין אַ שפּיגל.

און בעבזיקן איז אויך
די באָבע געפעלן;
דער עיקר די ברילן,
דער האַלדז מיט די קרעלן.

און באָדט אים די באָבע,
איז ער זיך מחיה!
די הענטעלעך אירע
אַזוינע געטרייע!

דאָס וואַסערל לאַסטשעט,
דאָס ביטל — אַ רחבות!
נאָר דאָס, וואָס זי קיצלט
אים הינטער די פּאַכוועס

און קנעט אים דאָס בייכל,
און ציט אים די גלידער,
און רייבט אים דאָס קעפּל, —
איז שטאַרק אים דערווידער...

נאָר זי, — זי וויל גאָרנישט
ניט הערן, ניט וויסן:
דאָס וואַסער ווערט קילבלעך, —
איז דאַרף מען דערגיסן...

— אַזוי גאָר?! — קלערט בעבזיק —
עס ווילט זיך דיר שפּילן? — —
אַ פּליושק מיט אַ פּיסל
און פּליוך אַף די ברילן,

אַ פּאַטש מיט אַ צווייטן...
די ביט לויפט שיר איבער.
די באָבע אַ נאַסע
אַזוי ווי אַ ביבער.

נאָר זאָל עס איר אַרן ?!
אַזוי ווי להכעיס
צעשטראַלט זיך איר פּנים
פון ליכטיקן נחת.



אַפן פענצטער ליגט די קאַץ
און די זון גייט אונטער.
גאָלדיק מינעט זיך איר פעל
און די איינגלעך — צונטער.

און די מולטער-אויערלעך,
ראָזער מוטערפּערל
און די לאַפּקעלעך, בורשטין
און די נעגל, פּערל.

בעבזיקן איז פרעמד די קאַץ,
פרעמד און — פּאָרט אים קענטלעך...
יאָ, צי ניט — געפעלט זי אים,
שטרעקט ער אוים די הענטלעך.

— נ-ע, נ-ע, נ-ו, נ-ו-ו, קום אַהער! —
בעבזיקס איינגלעך ברענען.
פּלוצים! — זי פאַרענדערט זיך...
גאָרנישט צו דערקענען!

פּאָפּעליאַטע גרוי די פעל,
ס׳עקל לענגער, דינער
און די אייגלעך פינקלען גרין,
ווערן גרינער, גרינער.

און די ראָזע אויערלעך,
עפּעס לאַנג און שפּיציק
און די נעגל שטעכעדיק
שוועבלדיק און בליציק.

בעבזיקן געפעלט אויך ד י !
און ער הייבט אָן ברומען:
ג־ע־ג־ע...ג־ו, ג־ו, קעצעלע!
פויל זיך ניט צו קומען.

טאַטע־מאַמע הערט זיך איין,
ווי דאָס פּיצל פּלאַפּלט.
קוועלט באַם טאַטן אָן דאָס האַרץ
און דער מאַמעס צאַפּלט.

— הערסט, דאָס קינד זאָגט מאַמע שוין!
— ניין! בפרוש ט־אַ־ט־ע!
מישט די באָבע זיך אַריין:
— ס׳קינד זאָגט גאָר: „א־ק־אָ־ט־ע״!

טאַטע־מאַמע אַמפּערט זיך,
שמייכלט, בעט זיך איבער ———
אָוונט. טונקל. טונקלער. נאַכט.
שטערן־ליכט און שטיבער.

# דער לוח




אַך די לאָדן אויף, מיין קינד
און דאָס פענצטער עפן.
כ׳וויל אַ קוק טון, ווי דער רויך
פאַלט פון דאַך און טרעפן,

אויב ס׳וועט רעגנען נאָך היינט,
אָדער אפשר מאָרגן. —
און אַז זי וועט טרעפן פונקט —
דאַרפט איר זיך ניט זאָרגן.

מחמת זי דאַרף וואַשן גרעט,
וויל זי טאַקע וויסן.
אַף איר מזל קען עס היינט
אָנהייבן צו גיסן...

אַלעס ווייסט דאָס באַבעלע!
וואָס זי זאָגט איז קודש!
— מאָרגן איז דער מולד שוין...
שבת איז ראש חודש —.

טרעפט! ווי זי וואָלט זיין אַ לוח;
לויט דער זונ׳ס פאַרגייען,
ווייסט זי אויב ס׳וועט זיין אַ פראָסט,
אָדער עס וועט שנייען...

וועט אייך טרעפן אקוראַט,
לויטן בוזהיים ברומען,
צי דער פרילינג איז נאָך וויט
און ווען וועט ער קומען...

היינט האָט זי באַמערקט אַ שוואַלב
אַפן גלחים טויער;
שוואַרצע פלעקן ערד אין שניי
און אין פעלד אַ פויער.

— נ אָ כ ן  ו ו י נ ט ע ר ! דאַנקען גאָט!!! —
באבעם אויגן שטראַלן.
אַז זי וויל און שפּאַרט זיך איין, —
פירט זי אוים... פאַרפאַלן!

## אַ רעגן גייט



אין וויגל ליגט בעבזיק,
די איינגעלעך אָפן.
עס דונערט אינדרויסן
און לאָזט אים ניט שלאָפן.

אין הימל די וואָלקן —
געדיכט ווי אַ סטאַדע.
דער ווינט שמעקט מיט פרילינג,
וועט רעגנען אַוודאי.

געטראָפן! אַ רעגן
אין פענצטער געמט שפּריצן.
די דונערן שפּאַלטן
זיך צווישן די בליצן...

עס צינדן זיך שויבן
און בליאַסקען און שווינדלען.
עס זינגען די דעכער —
דאָס בלעך און די שינדלען.

עס שפּרינגען די הייזער,
די בלאָטיקע גאַסן —
דורך גאָלדענע רינגען
און זילבערנע פּאַסן...

אָ, שיין קלינגט דער מאַמעס
פאַר׳כשופ׳טער ניגון;
נאָר — זים איז דער רעגן,
אויך ער קען פאַרווינגן,

פאַרטייען, באַרווישן,
פאַרשלינגן די וויעס —
דער שלאָף און די מידקייט,
אין רעגן — אַ חיות!

## בעבזיק שרעקט די גענדז



אָם טאַפּט אים די מאַמע דאָס קעפּל?
וואָלט בעבזיק אַ בעלן זיין וויסן;
וואָס ווישט זי די אויגן? וואָס זיפצט זי
אַזוי, אַז דאָס האַרץ ווערט צעריסן?

די באָבע, פאַרזאָרגט, — נאָר זי שמייכלט,
זי שמייכלט און קלעפּט צו דעם ווינגל.
— דעם קינד, דאַכט זיך, שניידן זיך ציינדלעך,
וואָס ווייַנסטו, דו נאַרישע צינגל!

און בעבזיק קען סתם ניט פאַרשטיין:
וואָס דאַרף ער, וואָס טויגן אים ציינדלעך?
די בריסט זענען ווייך, אַ מחיה
און מילך האָט דאָך גאָרניט קיין ביינדלעך!



די מאַמע טאַפּט אים דאָס קעפּל

דער טאַטע איז אויך דאָ, צום רומל,
אויך ער זיפצט און טאַפּט אים דאָס קעפּל:
— געדאַרפט אפשר רופן דעם רופא?...
אים מאַכן אַ זייפענע צעפּל? —.

די באָבע, זי קוקט אויף דער מאַמען,
זי שמייכלט און קוקט אויפן טאַטן:
— דעם רופא!? און איך, וואָס? בין חולה?
אַ צעפּל קען קיינעם ניט שאַטן! —.

דער עסק ווערט בעבזיקן קשה,
ס'געפּעלט אים ניט אַלץ מיטאַנאַנדער:
דער רופא, די ציינדלעך, דאָס צעפּל
און בעבזיקל ווײנט זיך פאַנאַנדער.

— הפנים זיי איבערגעשראָקן,
אפילו די באָבע, אַ סברה! —.
אָט שעפּטשען די ליפּעלעך אירע:
זי שפּרעכט אים שוין אָפּ אַן עין־הרע.

ער פילט אַף זיין פּנים איר אָטעם,
אירע צערטלעכע, וואַרעמע פינגער.
די איינעלעך זיינע זיך שליסן,
די גלידערלעך — גרינגער און גרינגער...

דאָס שעפּטשען, דער באָבעס, ווערט שוואַכער,
עס מישט זיך אים עפּעס אין קעפּל...
— ווער שטייט לעבן וויגל? דער רופא?!
וואָס האַלט ער? אַ ציינדל?! אַ צעפּל? — — —

— עס איז ניט קיין ציינדל, קיין צעפּל!
סאַ גאָלדענע פּינגעלע, אינגל!
איך האָב דאָס געבראַכט פון גן־עדן
און דאָס וואָס דו זעסט, איז זיין צינגל! —.

# דער ווייטער קרוב



דער טאַטע האָט געבראַכט פון באַן,
פון ווייט אַ ווייטן קרוב.
— ער קער זיך מיט דער באָבן אָן . . . —
נאָר זי איז דערפאַר ניט ערב . . .

ווי קומט צו איר אַ קלעזמער גאָר?
אַ רויט, האָרבאַטע אידל,
וואָס טראָגט אַ הויקער אַפן האַרץ
און אין דער האַנט אַ פידל?

וואָס טראָגט אַ פראַק און לאַנגע האָר
און טונקל־בלויע ברילן? —
מכבד אָבער איז זי אים,
און בעט אים, ער זאָל שפילן.

די באָבע ברענגט אים טיי מיט וויין,
ער גיסט . . . ער גיסט זיך אונטער . . .
דער רויטער טרינקט, דער רויטער שלינגט,
דער רויטער ווערט שוין מונטער . . .

דאָך דינגט ער זיך: אָט וויל ער יאָ,
אָט וויל ער ניט . . . אָט — וויל ער!
דער טאַטע טראָגט אַריין דעם שאַך —
אין שטוב ווערט שטיל און שטילער.

דער זייגער בעבעט שלעפעריק,
דער לאָמפּ קוקט מיד אַרונטער.
דער טאַטע קייט דאָס בערדעלע,
דער רויטער שמייכלט אונטער . . .

און בעבזיק וואַרט און וואַרט, און וואַרט,
אים קלעפּן זיך די וויעס.
ערשט שפּעט באַנאַכט דערהערט ער—שפּילט
אַזוינס, וואָס איז אַ חיות!...

די נאַכט איז קיל, די נאַכט איז שטיל —
אַוודאי שפּילט דער רויטער!
מען ווייסט נאָר ניט, וואָס ווינט באַ אים,
דער פּידל צי דער הויקער?

# ציינדעלעך



בעבזיק האָט צוויי ציינדעלעך,
מאַכט ער מיט זיי חנדלעך:

זע נאָר, זע נאָר! באָבעלע!
קוק נאָר אָן אַ ציאָבעלע. —

— מיר פּאַר דיינע ביינדעלעך!
אוי, וואָס פּאַר אַ ציינדעלעך!

שאַרפּע ווי די מייזענע!
שטאַרקע ווי די אייזערנע!

און אַזוינע קלאָרינקע! —
גריזשעט שוין אַ סקאָרינקע;

קייעט ווי אַ צינעלע,
אַלץ, וואָס ליגט אין ווינעלע:

קישן, קאָלדרע, מענטעלע
און זיין איינן הענטעלע ...

ביז עס קומט צום צינגעלע —
מאַכט אַ גוואַלד דאָס איינגעלע.

— מיר פאַר דיינעביינדעלעך ! —
ב ע ב ז י ק  האָט שוין ציינדעלעך !

## אַ זעקעלע זאַמד-שטויב




ם פינטלט דאָס לעמפּל,
עס זשמורען די ווייזער,
אַ גרייז-גרויע באָבע
גייט אום אין די הייזער.

צוויי ברילן, אַ שטעקן, אַ האָן און אַ קאָשיק ;
אַ זעקעלע זאַמד-שטויב צעפּולווערט
אַף פּראָשיק ...

טוק-טוק אין אַ טויער ! רוק-רוק מיט אַ רינגל !
שאַר-שאַר מיט פּאַנטאָפל ! און אָט שטייט אַ ווינגל !

— וואָס וואָרקעסטו, ב ע ב ז י ק ? די איינגעלעך אָפן ?!
מיין האָן וויל שוין קרייען און — דו ווילסט ניט שלאָפן ?

מיין האָן איז אַ בלויער, מיט זילבערנע פליגלען ;
אַ גאָלדענער קאַם און צוויי אויגן ווי שפּיגלען. —

די אַלטיטשקע בויגט זיך אַריבער צום פּיצל
און טוט אין דער גאָמביטשקע קוים דאָרט אַ קיצל.

אַ סמאָטשקע, אַ שמייכל, אַ קניפּל אים אין בעקל,
דאַן נעמט זי אַ שמעק-טאַבעק זאַמד-שטויב פון זעקל

און טוט עס אַ פּראָשע דעם קינד אין די וויעס
און ב ע ב ז י ק נעמט דרימלען און שמייכלען —
אַ חיות!

אין קאַשיק דער האָן פּאָכט פּאַנאַנדער אַ פליגל,
און ווייעט און קרייעט אַריבער דעם וויגל.

עס שעפּטשעט די אַלטע, שפּרעכט אָפּ אַן עין-הרע:
—צוויי שטערנדלעך בלויע—צוויי אייגעלעך קלאָרע.

צוויי ציינדעלעך — פּערל, אַ צינגל — אַ גלעקל;
צוויי רייזעלעך רויטע, צו איינס אַף אַ בעקל...

אַ סימן אַז איך בין געווען באַ דיין וויגל,
מיין האָן לאָזט דיר איבער אַ זילבערנעם פליגל.

וועסט פליען און פליען און קומען בשלום
צוריק צו דיין נעסט, מיט אַ גאָלדענעם חלום...—.

קלינג-לינג און כי-כי — אַ געלעכטער, און צווישן —
צוויי שטערן, צוויי פּערל, צוויי רויזן, אַ קישן!

נע-נע און בו-בו, ווי דאָס וואָרקן פון טויבן.
עס שמייכלט דער מאָרגן אין ב ע ב ז י ק ל ס שויבן:

— גוט מאָרגן!
ג ו ט מ אָ ר ג ן!



אונטער בעבזיק׳ם וויגעלע

# בעבזיק בייסט זיך



וואָס טוט זיך עם מיט בעבזיקן?
ברעכט פּיסקעס רק און כעסט זיך.
אַ בלבול אויסגעטראַכט אַף אים:
מע זאָגט אין שטוב, — ער בייסט זיך.

דער מאַמען היינט אַ ביס געטאָן,
אין ברוסט בשעת'ן זויגן.
פון ווייטיק איז געוואָרן איר
אַזש פינצטער אין די אויגן.

—יאָ, בעבזיק בייסט, ער בייסט! ער בייסט!
די שטוב איז פול מיט סודות:
אַ משפט גייט אַף אים... און קנס!
דאָ לעבעדיקע עדות!

אַרום דער מאַמעס ווייסער ברוסט,
אַרום דעם ראָזן נאָפּל,
דריי שטערן-בלויע פּינטעלעך,
ווי וואונדן פון אַ גאָפּל.

די באָבע זאָגט: — אַ קינד איז גוט
אין אָסיען-צייט אַנטווינען.
און, אַז די באָבע זאָגט סע גוט,
וואָס דאַרף די מאַמע וויינען?

נאָר אויך די באָבע איז דערביי,
אים דאַכט זיך אויס, צעטראָגן
און בעבזיק ווענדט די אייגעלעך
צו איר און וויל איר זאָגן:

— איך האָב דאָך שוין דריי ציינדעלעך
און ס'שניידן מיר זיך נייע;
אַ סקאַרינקע איז גאָר ניט שלעכט
און קאַשקעלע — מחיה!

און אַז די מאַמע האָט די ברוסט
געגעבן אים צו זויגן —
האָט ער דאָס קעפּל אָפּגעקערט
און צוגעמאַכט די אויגן.

אַרום דעם ראָזן נאָפּעלע,
באַשמירט מיט ליאָז מיט שוואַרצן — — —
איז וואָס זשע וויינט זיין מאַמעלע?
וואָס דריקט זי אים צום האַרצן.

ער פּרואווט פונדעסטוועגן זיך פּאָרט: —
סע פּע! — חלשות! — ביטער!!!
און ב ע ב ז י ק הייבט דאָס קעלבל אויף
און יאָמערט מיט אַ ציטער.

## בעבזיק קען קיין עולות ניט פאַרליידן



די באָבע שלאָגט די פּאָדלע קאַץ
און שלאָגט זי מכות-רצח:
— אַזאַ מרשעת! גאָר אַפן האַרץ
באַם קינד אַוועקגעזעצט זיך!

איז פויל ווי הנוי, פּאָפּט גאַנצע נעכט
און וועגן מייז — פאַרגעסן;
אַ לאָך אין ברויט, אין הייפּטל קרויט.
דעם מחזור איר צעפרעסן —

— אַן עולה — טראַכט זיך  ב ע ב ז י ק ל —
אַזוי אַ קאַץ באַשטראָפן!
פאַרוואָס זאָל זי אין ווינקעלע
מיט אים ניט טאָרן שלאָפן? —

און  ב ע ב ז י ק  וואָלט אַ בעלן זיין
זיין באָבעלען דערמאָנען: —
ס'איז קאַלטלעך אָפן פענצטער-גזימס.. .
קיין ברעקל זון פאַראַנען!

ס'איז האַרבסט... און ס'רעגנט אָפן גאָס,
און וואלקנס, וויסט, זיך רוקן...
און דאָ, באַ אים אין ווינקעלע
איז וואַרעם, ווייך און טרוקן.

און ער האָט ליב איר מורקעניש,
איר כרופּלען, קורצן אָטעם.
און אירע לאַפּקעס אָפן האַרץ, —
אַז אָסור אויב עס שאַט אים!

און דאָס וואָס זי האָט אָן די מייז,
אין שטוב, זיך גאָר פאַרגעסן,
איז אויך קיין עולה ניט. וואָס איז?
צי דאַרפן מייז ניט עסן?!

די ווייסע קאַץ, — ער האָט זי האָלט:
אַ גוטע און אַ שטילע.
ער בייסט און רייסט זי פאַרן עק, —
זי דראַפּעט ניט אפילו.

דער ווינט אינדרויסן ברוגזט זיך,
דער רעגן פּייקלט, טיוקעט;
דער אַלטער זייגער וואָרטשעט, קרעכצט,
די קאַץ אין ווינקל מיוקעט.

און  ב ע ב ז י ק  ליגט אין וויגעלע,
די בלויע אייגלעך אָפן:
— די באָבע האָט די קאַץ באַשטראָפט...
דערפאַר, וועט ער ניט שלאָפן!

# בעבזיק און דער שפיגל




עגן  ב ע ב ז י ק ס  וויגל
הענגט דער בלויער שפיגל.

ב ע ב ז י ק  קוקט און פרייט זיך —
פלאַפלט, לאַכט, פאַרגייט זיך.

לאַכט צוריק פון שפיגל
אים אַריין אין וויגל,

אַ צעשטראַלטער פנים.
— ב ע ב ז י ק!  איך דערקאָן אים!

נאָר די באָבע זשבורזשעט:
— ט אָ כ ט ע ר ל,  וואָס טויג עס?!

ווילסט נאָטם שטיינער גרייזן?!
אַז מען טאָר ניט ווייזן

קינדער פאַרן שפיגל...
הערסט, מען טאָר ניט, ציגל! —

באָבע שרייט מען טאָר ניט.
מאַמע זאָגט: — סע נאָרניט!

— אַלטע זאבאָבאָנעס...
בילעבן, אָן סכנות! —

ב ע ב ז י ק ליגט אין וויגל.
שפּיגלט זיך אין שפּיגל,

קוקט און האָט הנאה:
אייגלעך — ליכטיק־בלויע,

בעקלעך — רויטע רויזן;
גאָלדיק־בלאָנדע קרויזן.

ליפּעלעך — קאָרעלן
און זיי פּלאַפּלען, קוועלן...

עפֿנען זיך, פֿאַרמאַכן,
צוויקלען זיך און לאַכן!




די באָבע טוט ניט איינמאָל אָפּ
אַזעלכע מאָדנע זאַכן,
כאַטש נעם און צי זיך אויס אַף דרערד
און קייקל זיך פון לאַכן.

זי לויפט אַרויס אין הויף און ברענגט
פון דאָרט אין הויז צושלעפּן
אַ הון, וואָס שרייט און טריפּעט זיך,
אָט, ווי מען וואָלט זי קעפּן!

די באָבע ראַנגלט זיך מיט איר,
פאַרדרייט אירביידע פליגלען
און דעקט זי איבער מיט דער זיפּ
און לאָזט זי דאָרטן ליגן.

די באָבע פּרייכט און בייזערט זיך:
— געהערט אַ מענה־לשון?!
רייסט איין די וועלט און — ליגט אַן איי —
ניט ווערט קיין האַלבן גראָשן!

— ווילסט ליינען זיך? ליג אָן דעם קאָפּ!
וואָס איז דאָס פאַר אַ שרייען? —
די שכנה זאָל דערוויסן זיך
און ס׳איי דיינס קומען לייען?...

נאָר ב ע ב ז י ק ווייסט דעם סוד פון איי.
די באָבע זאָגט: — סאַ סברא,
אַ וואָרעם איי פון הינטערן עוף
איז גוט פאַר אַן עין־הרע...

איז, — קויקלט זי אים זיבן מאָל
דאָס איי איבערן שטערן:
— אָט, ווי דאָס איילע איז קלאָר, —
דיין ראיה זאָל דיר ווערן!...

אָ מ ן!!! —.

# בעבזיק האָט צרות מיט זײַנע נעגל




עבזיק האָט נעגעל,
איז, ווען מען זשע שאַט עם?
דערפאַר דאַרף מען פּענטען
די הענט אים אין שמאַטעם?!

באשר, ער וועט זיך
צעדראַפּן דאָס פּנים;
און הענטלעך אין שמאַטעם
איז שענער? — גזלנים!

די קאַץ האָט דאָך נעגל
אַף אַלע פיר לאַפּקעס.
נאָך לענגער פון זײַנע
און — טראָגט ניט קיין שמאַטקעס!

וואָס קענען אים הענטלעך
אין לאַפּענעס טויגן?!
ווי וועט ער עס קענען
די פינגערלעך זויגן?!

און ווי וועט ער איצט
מיט דעם קעצל זיך שפּילן;
און געבן אַ כאַפּ
באַ דער באָבען די ברילן?!

בגנבה דעם קאַלך פון
דער הרובע קאַלופּען?
באַם טאַטן דאָס בערדל,
דאָס ציגענע, צופּען?

און וואָלט אים די באָבע,
די קלוגע, כאָטש זאָגן,
ווי לאַנג וועט ער דאַרפֿן
די לאַפּענעס טראָגן ?!

עס שמייכלט אין פענצטער
אַריין די לבנה :
— פאַרמאַך דיינע אייגלעך,
ס'איז אָן אַ סכנה !

די טירן פאַרשלאָסן,
פאַרריגלט די ריגלען —
אַ מלאכל ביסטו . . .
די לאַפּענעס — פליגלען ! —.

ער פליטערט, ער פלאַטערט.
און נאָך אים — די באָבע.
און נאָך איר — דאָס קעצל,
שווימט נאָך ווי אַ זשאַבע.

דורך וואָלקן און שטערן,
פאַרביי דער לבנה ;
אַלץ העכער און העכער —
עט, אָן אַ סכנה !

— וואוהין און ביז וואַנען ?!
— הוש . . . הוש. נאַריש ציגל :
פון וויגל צום הימל . . .
פון הימל, — צום וויגל !


װאונדער

# ווייסע זעגלען דריי



סקאַדראָנען שיפן בלייענע
און איינע איז פון גאָלד.
זי שווימט פאַרביי, מיט זעגלען דריי,
דעם רויטן טויטן וואַלד.
אַ ווייסע פאָן,
אין ווינט זאָגט אָן:
— היי, היי! מיר לאַנדן באַלד!

עס ליגט אַ שטומע שטאָט אין טאָל
און וואַרט באַם בלינדן פאָרט.
— די שיף פון גאָלד, — אָט באַלד, אָט באַלד!
און רירט זיך ניט פון אָרט!
— אַ שוואַרצער ריף!
די שיף, די שיף!
זי זינקט. זי טרינקט זיך דאָרט!!!

שאַ. שטיל!... עס קנוילט זיך דער טומאַן... .
און שטאָט און פאָרט פאַרגייט.
און אַפן ים, ווי ווייסער פלאַם,
די זעגלען דריי צעשפּרייט.
עס האָט די נאַכט
צום פאָרט געבראַכט
די שיף... עס שנייט, עס שנייט!

# די ווייסע גאַס



עס האָט אַ גאַנצע נאַכט געשנייט
און ב ע ב ז י ק איז געשלאָפן.
פאַרטאָג האָט ער אַ ווייסע גאַס,
אַ ליכטיקע, געטראָפן.

די דעכער און די גאַניקלעך,
די פענצטער, — בלישטשען, גלאַנצן.
דער קלויסטער און דעם גלח'ים סאָד —
פאַרענדערט זיך אינגאַנצן.

דעם באַלעגאָלעס בויד אין גאַס
אפילו זיך געביטן:
פון רעדער פיר איז איבער נאַכט
געוואָרן גאָר אַ שליטן!

דער קלאַנג פון הייזעריקן גלאָק
קלינגט אַנדערש בעתן פאָרן.
דאָס סקריפּן פון דער בויד איז אויך
גאָר אַנדערש איצט געוואָרן.

די מענטשן אַפן גאַס, אין שניי —
פאַרענדערטע געשטאַלטן.
אין ב ע ב ז י ק'ס הויז איז אויך ניט אַלץ
געבליבן ווי באַם אַלטן...

דער אויוון פלאַקערט אַף אַ קול,
דאָס האָלץ אין הרובע זשאַרעט,
דעם טאַטנס אָטעם קנוילט זיך ווייס,
ווי ס'וואָלט פון אים געפּאַרעט...

די קאַץ באַם הרובע ווי אַ פּויסט,
אין שלאָף, האָט איפּגעקנוילט זיך;
זי מורקעט שטיל און אָפּגעהאַקט,
אָט ווי זי וואָלט געפּוילט זיך.

די באָבע זיצט באַם פּייער שטיל —
געוואָרן עפּעס גרויער —
אין פּאָדעלעק אַ גרויסער קנויל,
און שפּיזלעך הינטערן אויער.

— דער ווינטער האָט זיך צוגעאיילט. —
און זי, — זי דאַרף באַשטאַטן:
דאָס קינד מיט וואַרעמע זעקעלעך
און הענטשקעס פאַרן טאַטן.

געיחיות׳ט מיטן זומער זיך;
מיט וואוילטאָג זיך געזעטיקט...
פאַרגעסן זיך אין ווינטער גאָר,
פאַרגעסן און פאַרשפּעטיקט.

די שפּיזלעך בלינצלען קעגן פלאַם,
די הענט זיך פלינק באַוועגן:
— אוי, העלף מיר גאָט!... ווייל, וואָס איך טו,
איז ניט פונמיינעטוועגן...—.

# שמאַלץ



דער אויוון ברענט, אין הרובע פלאַמט,
אין פענצטער גרויט דער מאָרגן.
דער נאַכט־לאָמפּ צאַנקט, קאַכיקעט, הוסט,
ווי׳ן האַלדז וואָלט אים געוואָרגן.
דער זייגער קוקט פון וואַנט אַראָפּ —
אַ פּנים — נעל מיט זאָרגן.

די באָבע פּאָרעט זיך אין קיך,
פון קעלט אין דרייען געבויגן,
און אַף אַ באַנק זעקס ווייסע גענדז,
די פּיסלעך אויסגעצויגן.
די ווייסע פליגלען אויסגעשפּרייט
און צוגעמאַכט די אויגן.

— די זון האָט אויך פאַרשפּעטיקט זיך ;
געפוילט זיך אופצושטייען
און ניט געהערט, אַזוי ווי זי,
פאַרטאָג די הענער קרייען.
דעריבער כמאַרעט זיך אַזוי.
עס וועט אַוודאי שנייען.

— דער ווינטער הייבט זיך אָן אָט ערשט
און זי איז שוין פאַרמאַטערט ... —
די באָבע זיצט און זיפצט, און פליקט
די גענדז : — אַ דאַנק גאָט, נעפּטרט ! —
אַ ווייסער פּוך׳פליט אום אין קיך.
דער שניי אין דרויסן פלאַטערט.

און ב ע ב ז י ק ליגט אין וויגעלע.
די ראָזע בעקלעך בליען.
ער זעט דעם שניי, ער זעט אין קיך
דעם פּוך דעם ווייסן פליען.
ער זעט די וואָלקן גרוי ווי בליי
פאַרביי זיין פענצטער ציען ...

באַ אים אין ווינעלע איז ווייך
און וואַרעם, אַ מחיה!
און אַף דער גאַס, ווי ווייסע גענדז,
די שטיבלעך אין אַ רייע,
און אַפן מאַרק די שטעלכעלעך, —
פאַרשנייטע... ממש נייע!

דער אויוון ברענט, און אַף די ווענט
זיך מינען ברוינע פלעקן.
אין פייער שטייט אַ קופּער־טאָפּ,
און בלויע צונגען לעקן
די רויט־צעפּלאַמטע באַקן אים,
און הייסע גריוון שמעקן.

און אַפן רויטן טאָפּ, אַרום
די ראַנדן פונעם דעקל,
אַ גאָלדן שרעטעלע טאַנצט אום —
אַ פּיצעלע... אַ ברעקל.
אַ שרעטל מיט אַ היטעלע
און אַ פאַרריסן עקל.

— דאָס מזל איז צו איר אין טאָפּ
מיט שמאַלץ אריינגעפלויגן.
זי האָט דאָס שרעטעלע געזען
אַליין מיט אירע אויגן;
אפילו ווי דאָס האָט פאַר איר
זיך זיבן מאָל פאַרבויגן...

איצט ווייסט זי, אַז דער טאָפּ מיט שמאַלץ,
אם ירצה השם, וועט געראָטן.
איז, וועט זי דאַוונען, דאַוונען פרום,
ווי נאָט ברוך־הוא ט׳נעבאָטן.
אין אויוון ברענט, און אַף די ווענט
זיך ווינט דער באָבעס שאָטן.



ווייסע אויגן

געבראַכט האָט דער טאַטע אַף שבת
אַן אורח אַ בלינדן צופירן,
מיט אויגן, וואָס קוקן צום באַלקן,
אַזוי ווי צוויי ווייסע פאַכירן.

ער איז פון די אורחים דער לעצטער
אין אַלטן בית־מדרש געבליבן;
די אויגן די ווייסע, זיי האָבן
פון זיך יעדנאיינעם פאַרטריבן . . .

האָט ער ניט געקענט באַ זיך פּועלן,
דער בלינדער זאָל הונגעריק בלייבן...
און אַגב איז מער ניט געבליבן
פון וואָס און פון וועמען צו קלייבן.

די מאַמע זי קוקט אַפן בלינדן
און פּרוואווט זיך דעם פּחד פאַרדעקן.
די באָבע, זי שעפּטשעט פאַרדאגהט:
— ער זאָל מיר דאָס קינד ניט דערשרעקן! —

נאָר אַז סע געקומען צו זמירות
און ס'האָט זיך דער בלינדער צעזונגען, —
האָט אַלצדינג די באָבע פאַרגעסן
און האָט זיינע ווערטער געשלונגען.

עס האָבן באָם בלינדן פאַרמאַכט זיך
די ווייסע, פאַרשטיינערטע אויגן,
און איבער זיין פּנים האָט עפּעס
אַ וואַרעמע ליכט זיך פאַרצויגן.

דער שטערן אַ הויכער, אַ ברייטער,
און ברעמען, צוויי לאַנגע, פאַרטראַכטע.
— רבונו של עולם! ווי אַנדערש
דער איד איז מיט אויגן פאַרמאַכטע! —

און מאָדנע... עס שליסן זיך עפּעס,
ווי פון זיך, די אויגן דער באָבעס:
— אוי, זאָלן די זמירות זיך ציען
ביז ענדיקן וועט זיך דער שבת! —

באַנאַכט איז זי ווינציק געשלאָפן:
געפּרוואווט אין געדאַנקען פאַרבינדן
דעם שניי און דעם פראָסט אַף די שויבן
מיט יענע צוויי אויגן פון בלינדן.

אַ שאָרך אַפן שניי וואו אין געסל,
אַ שאָטן ... אַן אָטעם אַ מינדסטער —
זי גיט זיך אַ צאַפּל: איר דאַכט זיך,
דאָס קינד עפּעס וויינט אינדערפינצטער.

נאָר ב ע ב ז י ק איז רואיק געשלאָפן.
ער זאָל עס אפילו נאָר שפּירן,
אַז ערגעץ אין הויז שלאָפט אַ בלינדער
מיט אויגן, צוויי גרויסע פאַכירן.

פאַרטאָג האָט אים בעבזיק דערזען,
באַמערקט זיינע ווייסע צוויי אויגן
און האָט זיך פאַנאַנדערגעבעבעט,
די הענטלעך צו אים אויסגעצויגן.

דער אורח געטאָן האָט אַ ציטער:
— אַ קינד האָט מיט אים ערשט דערפרייט זיך!
און איבער דעם פּנים פון בלינדן
אַ שמייכל האָט וואַרעם פאַרשפּרייט זיך...

און ער האָט די אויגן די ווייסע
געשלאָסן און האָט זיך צעזונגען —
אין שטוב האָט דער ניגון פון תהלים
זיך ציטריק פאַנאַדערגעקלונגען...

## מאָזלען



די באָבע זאָגט: — סע מאָזלען. —
דער טאַטע האָט פאַרמאַכט
די לאָדן און געוואָרן
אינמיטן טאָג איז נאַכט.

דער אויוון פלאַמט און פלאַקערט,
דער נאַכט-לאָמפּ טונקל ברענט

און שאָטנס לעבן וויגל,
און שאָטנס בא די ווענט.

געקומען איז דער רופא
און עפּעס וואָס געטאָן...
און האָט אים אָפּגעשאָטן
ווי מיט אַ רויטן מאָן.

עס ציט די נאַכט זיך נודנע —
ווען נעמט צו איר אַ סוף? —
עס בלאָנדזשען אום געשטאַלטן
און ריידן ווי פון שלאָף...

די באָבע זיצט באַם וויגל
און שאָקלט מיטן קאָפּ:
— די היץ, מיר דאַכט, נעמט פאַלן,
די מאָזלען גייען אָפּ. —

דער טאַטע האָט די לאָדן
דערנאָך געעפנט ברייט
און בעבזיק האָט דערזען
די זון און זיך דערפרייט.

עס ליגט די קאַץ אין פענצטער
אַף אַלע פיר צעשפּרייט:
זי ווייסט מיט וואָס אין וויגל
דאָס קינד האָט זיך דערפרייט.

אַף דעכער, דאָ און דאָרטן,
אַ שניי-פלעק זילבערט גרוי.
די לעצטע אייז-ליכט צאַנקען
און טריפן גאָלדיק-בלוי.

אַ שוואַלב אין בלויען הימל,
אַ גרינער פלעק אַף דרערד,
באַם גלח אַף דער לאָנקע
שטראַלט אוף אַ שוואַרצער פערד...

די קאַץ פאַרשליסט די אייגלעך,
די גרויע, קעגן שיין.
דאָס קינד אין וויגל בעבעט
און דרימלט, דרימלט איין.

# מאקאר



אקאר קומט משבת לשבת
פאַרריכטן די בענטש-ליכט, די שנויצן;
פאַרטאָג, אין די ווינטער שבתים,
די קאַכלענע הרובע פאַרהייצן.

און בעבזיקן איז ער געפעלן —
מאקאר מיט דער רויטער טשופרינע,
מאקאר מיט די שאָלאַדנע אויגן
מאקאר מיט די וואָנצעס—שטשעטינע.

מאקאר איז אַ גוטער: ער לאָזט זיך
אים שפילן מיטן ביינערנעם גנופיק,
ער קראַקעט צו אים ווי אַ זשאַבע
און קיצלט אים הינטערן פופיק.

מאקאר איז אַ פריילעכער שייגעץ:
ער רעדט צו דער באָבען אַף אידיש,
באַרימט זיך — ער קען „מודה-אַני"
און מאַכן אַף אויסוועניק קידוש...

די באָבע — זי שפאַסט מיט מאקארן,
און זאָגט אים צו, געבן אַ — כלה!
און, — גיט אים אַ גלעזעלע בראַנפן
און אַ רייפטל געבייטלטע חלה...

באַנאַכט און דאָס פענצטער שטייט אָפן.
עם קראַקען אין זומפ ערגעץ זשאַבעם:

וואו איז ער, מ א ק א ר, אין דער וואָכן?
וואָס טוט ער פון שבת ביז שבת? —

ער זיצט וואו אין וואַלד אַף אַ בערגל
און שניידט מיטן גנופּיק די חלה
און וואַרט, — ס'האָט די באָבע פאַרשפּראָכן,
אים צוגעזאָגט געבן אַ כלה...

## אַ שרעטעלע



עפּאָקט און געמזאָלט
און ציינדלעך געשניטן...
עס האָט זיך די וויג
אַף אַ בעטל פאַרביטן.

אוים ניגון, אוים וויגן, —
ווער ווינגט עס אַ בעטל? —
אין אַלע חדרים
פליט אום ווי אַ שרעטל

דאָס אינגעלע ב ע ב ז י ק:
דער פלינקסטער, דער קלענצטער —
פון באַנק אַפן טיש
און פון טיש אַפן פענצטער;

פון פענצטער צום אַלמער,
פון אַלמער אין קעלער.
פאַרקוקט זיך אַ רגע —
און טראַסק מיט אַ טעלער; —

צעפלאָכטן אַ ספר,
צעבראָכן אַ גלעזל.
פאַרטשעפּעט די קאַץ
און צעדראַפּעט דאָס נעזל...

אַיי-וואַי, אַ געפּילדער! —
די מאַמע, דער טאַטע,
די באָבע — מע ממיתט
די קאַץ, די פּראָקליאַטע.

און דרימלט איין ב ע ב ז י ק —
פאַרבענקט זיך אפילו:
— די שטוב אָנעם קינד, —
אַ בית-עולם, חלילה.




וואָס טוט זי דאָרט, די באָבע
מיט אירע פלינקע הענט? —
מיט שמעקנדיקע גרינסן
באַהאנגען אַלע ווענט.

באַפּוצט מיט בעז דעם שפּיגל,
דעם הענג-לאָמפּ מיט יאַסמין,
דער אַלטער, במורנער זייגער
איז אויך געוואָרן גרין.

אַ צווייגל אַפן פענצטער,
אַ בוימל אַפן טיר
און בלעטער, בלעטלעך, בליטן,
וואו מ׳גיט זיך נאָר אַ ריר.

און  ב ע ב ז י ק ן  געפעלט עס:
אַ סאָד אין מיטן הויז!
וואָס איז, עס דאַרפן ביימער
באַם גלח וואַקסן בלויז?

באַנאַכט. עס שמעקט דער גאָרטן,
אין שאָטנס איינגעהילט —.
ווער זינגט עס אין די ביימער? —
אַ פויגל טרילערט, שפּילט.

אַ פויגל. יאָ, אַ פויגל!
פון גרינעם בוים אַראָפּ.
נאָר — טראָגט אַ פויגל ברילן?
אַ קופּקע אַפן קאָפּ?

און שמייכלט דען אַ פויגל,
בשעת ער זינגט, ווי דער? —
אומיסטן: — שלים די אויגן,
אַזוי ווי איך און הער:

אונטער  ב ע ב ז י ק ס  וויגעלע,
שטייט אַ קלאָר-ווייס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלן,
ראָזשינקעס מיט מאַנדלן — — —
אַי-לו-לו-לו-לו — —

# דער פעטער  מ א י ר  פון פישטשאַן




ער פעטער  מ א י ר  פון פישטשאַן —
אַ איד פון באָרד אינגאַנצן!
נאָר בעקלעך האָט ער מיידלשע,
פאַרדויטלט ווי מאַראַנצן.

און אײנעלעך ציגײנערשע,
גנבה׳ישע, װאָס גלאַנצן.
אַ איד, אַן אַבציקער, און פּים —
שפּראָנזשינעם צװײ, װאָס טאַנצן.

פֿאַרװאָס זשע הײסט דער פּעטער „מעער״?
אַ מעער און — אַ גרױער?!
די באָבע זאָגט: ער קאָכט זיך רק
און איז אַ מענטש, אַ רױער...
ער טראָגט אַ באָרד כמעט ביז דרערד
און איז און בלײבט אַ פּױער...
אַ פֿלינקער װי אַ װיזל־טיר
און סקריפּעט װי אַ טױער...

נאָר בעבזיק — בעבזיק האָט אים ליב,
דעם פּעטער, דעם פֿאַרשײטן.
דער פּעטער נעמט אים אַפֿן קני
און לאָזט אים פּערדל רײטן:
ער נעמט אים קײן פּישטשאַן אַזש מיט,
װאָס ליגט אין פֿעלד, אין װײטן.
ער װאָלט אים פֿאַרן בעסטן פּערד
אין גלח׳ים שטאַל ניט בײטן...

ער האָט דעם פּעטער מאיר האָלט.
זײן װײסע באָרד, — אװדאי:
ער װעט אים לאָזן פּיטערן
אין פֿעלד דעם פּריצ׳ים סטאַדע;
די װײסע גענדזעלעך באַם מיל,
אין גראָז, אַף דער לעװאַדע.
העי, װיאָ! האָפּ, האָפּ! דו פּערדעלע,
זשערעבטשיקל, דו גניאַדע!



# די באָבע גייט אַ קאָזאַק



דער הויקער מיטן פידעלע
איז פּלוצים אָנגעקומען.
די באָבע האָט אים ווי אַ גאַסט
מיט חדוה אויפגענומען...

— אַ גוטער סימן וואָס דו ביסט
געקומען איצט צופאָרן:
דעם קינד איז, קיין עין הרע, היינט
דאָס דריטע יאָר געוואָרן.

דער מאַמעס פּנים פריידלט זיך.
דעם טאַטנס אויגן קוועלן:
— געקומען פּונקט אין צייט, ווי ס'וואָלט
אים עמעצער באַשטעלן...

דעם פעטער מ א י ר פון פּישטשאַן
האָט אויך היינט אָנגעטראָגן:
געבראַכט צופירן פונעם דאָרף
אַן אָנגעפּאַקטן וואָגן...

די באָבע גרייט דעם גרויסן טיש.
די מאַנסבילן גייען זיך וואַשן.
דער פעטער בעט אַ שיסל באָרשטש.
דער הויקער — עפּעס נאַשן...

די באָבע טאַסקעט פון דער קיך
צום טיש, ווערט אויסגעמאַטערט.
דער פעטער שטייט צוביסלעך צו...
— אַ דאַנקען גאָט... געפּטרט! —

באַם רויטן שוויצט דער שטערן שטאַרק
און ס׳פּלאַמען אים די בעקלעך.
דער פעטער בענטשט און טרייסלט אויס
פון באָרד די לעצטע ברעקלעך.

— אַט איצט איז עפּעס אַנדערש נאָר . .
אַ נייער מענטש אינגאַנצן.
אומיסטן שפּיל אַ וואָלעכל —
וועסט זען ווי איך וועל טאַנצן !

די באָבע לאַכט פאַרשייט און מאַכט : —
אקאַטאַ, אַלטער מזיק !
אויב יאָ שוין טאַנצן, — איז דאָס איך
און דוקא נאָר אַ קאָזעק !

דער רויטער קווענקלט זיך אַ קאַפּ —
האָט ליב מע זאָל אים בעטן.
דער פידל רעדט, דער פידל בעט,
די סטרונעס לאַשטשען, גלעטן . . .

די באָבע שטייט, אַ פּיסל גרייט,
און אַף אַ זייט דאָס קעפּל :
זי גרייט זיך אָן אַ שפּרונג צו טאָן,
אַרויף צום ערשטן טרעפּל . . .

זי איז שוין גרייט — דאָס קליידל ברייט
צעלאָזן ווי אַ פעבער.
זי הייבט אוף — אַרויף, אַרויף,
די טרעפּלעך — העכער, העכער !

די זאָקן שעמערירן וויים.
די פּיסלעך — דראָטיק, זשוואָווע.
אַהין . . . אַהער . . .ווער טאַנצט עס, ווער ? ! —
אינמיטן שטוב אַ פּאַווע !

די ווייסע קופּקע שעמערירט —
אַ טויב, אַ ווייסע פלּיטערט...
דער פידל ברענט אין רויטנס הענט.
פאַרגייט זיך, לאַכט און ציטערט...

און ב ע ב ז י ק כאַפּט זיך אויף פון שלאָף,
מאַכט אויף אַן איינציק איינגל:
— וואָס איז דאָס מיט זיין באָבעלען?
וואָס מאַכט זי נאָך אַ פיינגל?!

די באָבע שפּרינגט, די באָבע זינקט,
די באָבע שווימט און פלאַטערט.
דער ניגון גליט, דער ניגון ברייט —
די באָבע טאַנצט פאַרמאַטערט.

און ב ע ב ז י ק קלערט: די באָבע ווערט ———
די באָבע קען נאָך ווערן
אַ פיינעלע... דאָס איינגעלע
באַ ב ע ב ז י ק ן נעמט טרערן:

— זי קען נאָך טאָן אַ פלאַטער און, —
די פענצטער שטייען אָפן:
ער וואַכט און היט... נאָר ער איז מיד
און ס'ווילט זיך שלאָפן, שלאָפן.



עס טאַנצט אַ בער אין מאַרק

# בעבזיק ווערט אַ—בער




ס טאַנצט אַ בער אין מאַרק.
אַ רויטער בער, אַ בלינדער.
און בעבזיק איז אַ קינד,
אַ קינד, ווי אַלע קינדער.

זיצט בעבזיק אַף די הענט,
באַ דער געטרייער באָבע.
— פאַרוואָס, זאָג, טאַנצט דער בער?
— ער טאַנצט פאַר עולם הבא.

— פאַרוואָס זשע שלאָגט ער אים,
דער מיאוסער ציגיינער?
— ער שלאָגט אים פאַרדערפאַר,
וואָס ער, דער בער איז זיינער!

— וואָס האַלט ער אַף אַ קייט
דעם בער? ער וויל אַנטלויפן?
— ער פירט אים אַף דער קייט,
אין מאַרק אַריין פאַרקויפן...

— פאַרוואָס זשע, באָבע, זאָג,
דאַרף זיין דער בער אַ בלינדער?
— כדי ער זאָל ניט זען,
ווי אַזוי צו כאַפּן קינדער.

— איז ווער זשע האָט דעם בער
די אויגן אויסגעשטאָכן?
— די בינען וואָס אין סאָד,
באַם גלח, אונזער שכן...

— און ווער האָט באַ דעם בער
דעם עק אים אָפּגעריסן ?
— דעם פּריצ׳ס הונט, וואָס היט
דעם שטאַל, — האָט אָפּגעביסן.

— און אַלע גראָשנדלעך,
וואָס מ׳גיט אים פאַרן טאַנצן ?
— דאָס נעמט ציגײַנערל
פאַר זיך, פאַר זיך אינגאַנצן.

— ווען איך וואָלט זײַן אַ בער,
וואָלט איך אין וואַלד אַנטלאָפן !
— ווען דו וואָלסט זײַן אַ בער, —
וואָלסטו געגאַנגען שלאָפן . . .

די מאַמע שמייכלט, קוועלט.
דאָס האַרץ אין איר צעגייט זיך :
— דאָס קינד מאַכט נאָך דעם בער ;
מאַכט קאָזשלקעס און דרייט זיך . . .

דער טאַטע לאַכט און זאָגט :
— אַ בער דאַרף זײַן אַ בלינדער ;
דאַרף מאַכן מו-ו-ו און בו-ו-ו,
און כאַפּן קליינע קינדער . . .

און בעבזיק טאַנצט און ברומט
אַזוי ווי דער ציגײַנער.
— אַז מיר זאָל זײַן פאַר דיר,
דו בערעלע, דו מײַנער !




עס האָבן צוויי גאָלדענע טויבן
זיך שטיל אַפן בוידעם פאַרקליבן.
געמאַכט זיך אַ נעסט אַף אַ באַנטע
און זענען דאָרט זיצן געבליבן.

באַנאַכט בעת די שטוב ליגט אַנטשלאָפן,
דערהערט זיך אַ ברומען פון אויבן:
עס וואָרקעט דאָרט צווישן די באַנטעס,
דאָס פּאָרל — צוויי גאָלדענע טויבן.

פאַרטאָג זעט זיי ב ע ב ז י ק פון בוידעם
העט ווייט אין דער בלויקייט פאַרפליען.
די פליגעלעך אונטערן פייער
פון זון, ווי צעשמאָלצענע, גליען.

געפלויגן, געפלויגן, געפלויגן — — —
אין אָוונט — נאָר איינע געקומען...
אַן איינזאַמע טויב אַפן בוידעם,
עס קלאָגט אינדערפינצטער איר ברומען.

און ב ע ב ז י ק, ער ליגט אַפן קישן
אַ וואַכער, די אויגן געשלאָסן —
די באָבע דערציילט, אַז דעם גלחם
פאַניטשל די טויב האָט דערשאָסן...

די ווערטער דער באָבעס, פֿאַרנעפּלט,
נאָר ב ע ב ז י ק ן לאָזט עס ניט שלאָפֿן:
ס'האָט אונטער זיין דאַך עפּעס דאָרטן, —
אַזוינס, ווי — אַן אומגליק געטראָפֿן.

# אַ גאַסט אין שטוב

די מאַמע עפּעס קנייטשט זיך...
זי קרעכצט באַ זיך אין חדר.
די באָבע מיטן טאַטן,
רק סודען זיך כסדר.

די באָבע קאָכט איר יאַייכלעך
זי קעכלט זי און קעכלט,
און ציילט וואָס אַף די פינגער
און זיפצט דערביי און שמייכלט...

און ב ע ב ז י ק קוקט פאַרגנבעט
אַריין אין מאַמעס צימער:
אַף מאַמעס בלייכע ליפּן
אַ שמייכל טוט אַ שימער...

אַף מאַמעס שײנעם פּנים
אַ בלאַסקײט ליגט פאַרצװיגן
און בלױע רינגן קרײזן
זיך מיד אַרום די אױגן.

עס ציען זיך מעת־לעתן
און מידע שעה׳ען שװימען —
אַ לעמפּל. דינע שאָטנס,
און נעפּלדיקע שטימען...

אין פענצטער בלײכט דער הימל,
די שטערן, בלאַס און שיטער.
אַ שפּראָץ אַף טאָג — אַ קעלכל,
אַ פײכטס, דערלאַנגט אַ ציטער...

דער באָבעס פּנים פיבערט:
— אַדאַנקען גאָט!... בשלום
אַריבער שױן די װײען...
אַריבער װי אַ חלום.

און בעבזיק — ער באַנעמט ניט:
װאָס מײנט די באָבע זאָגן? —
אינדרױסן קרײען הענער
אין פענצטער בלײכט... נעמט טאָגן...

צופֿוסנס באַ דער מאַמען,
אין קישן אײנגענורעט,
ליגט עפּעס אײנגעקאָרטשעט,
אַ רױטלעכס װי אַ בורעק.

אַ בורעק אין אַ קישן...
און נאַס, אָט, װי אַ ביבער.
די באָבע קוקט און שמײכלט, —
אים קערט די גאַל זיך איבער.

# סאַ מיידעלע!



אַ מיידעלע!
דאָס מיידעלע הייסט פּיינעלע,
און האָט צוויי בלויע איינעלעך,
און האָט צוויי רויזן־בעקעלעך;
אַ קעפּעלע מיט גלעקעלעך,
און פויסטעלעך, וואָס וויקלען זיך,
און ליפּעלעך, וואָס צוויקלען זיך,
און — שמייכלען.

סאַ מיידעלע!
דאָס מיידעלע האָט פיסעלעך,
מיט פינגערלעך ווי ניסעלעך.
די פיסעלעך, — זיי יאָגן זיך —
און פּליושקען זיך באַם באָדן זיך —
אַ פישעלע... אַ זשאַבעלע.
האָט אָפּגעשפּריצט איר באָבעלע:
אַ מצוה!

סאַ מיידעלע! —
אַ מלאכל אין ווינעלע:
צוויי הענטעלעך, ווי פליגעלעך,
וואָס פלאַטערן און צאַפּלען זיך,
וואָס רייסן האָר און דראַפּן זיך...
וואָס קריכן מיט די נעגעלעך
אַריין אין בעבזיק'ס איינעלעך —
זיך טשעפּען!

סאַ מיידעלע!
און  ב ע ב ז י ק  האָט אַ שוועסטערל,
דער באָבעס האַרץ — אַ פּלעסטערל.
דער מאַמעס שוים — אַ שרייערל;
אַ וואַרעם, ליכטיק פייערל...
דער טאַטע האָט אַ טעכטערל,
אַ זילבערן געלעכטערל —
א  ג ל ע ק ע ל ע!

סאַ מיידעלע!
נאָר  ב ע ב ז י ק — עפּעס קנורעט זיך,
ער ברוגזט זיך און כמורעט זיך:
— אַ מיילכעלע אָן ציינדעלעך,
און, — מאַכט נאָך פוילע חנדעלעך.
און באָבע: — האַרץ מיינס! פּלעסטערל!
אַ חונפטע, דאָס שוועסטערל,
א, — ב ל אָ ז ן!

# ווינט-מיל



ף יענעם זייט פון בריק,
וואו ס'וואַסער ברייט פאַרשפּרייט זיך—
אַ ווינט-מיל אַפן באַרג
אין ווינט, אַ פוילער דרייט זיך.

ער שטייט דעם גאַנצן טאָג
אַ כמורנער און אַ טריבער.
נאָר ווען די זון פאַרגייט
בייט ער זיך פּלוצים איבער.



אַ ווינט מיל אויפֿן באַרג

דער דאַך ווערט גאָלדיק־בלוי,
די פליגלען, ווי זיי ברענען;
ווערט העכער, גלייכט זיך אויס:
אים גאָרנישט צו דערקענען.

און בעבזיק קוקט אַרויס
פון פענצטער, — זעט ווי ס'פּלינגלט
אַ ווינט־מיל, גאָלדיק־בלוי,
אין וואַסער אָפּגעשפּיגלט.

אַ גאַנצן טאָג איז ער
אַן איינזאַמער געשטאַנען,
און נישט געוואוסט אַז ס'איז
אַ פּאָר צו אים פאַראַנען...

איצט שטייען אַפן ברעג
צוויי ווינט־מילן צוזאַמען, —
אַ ווינט־מיל צווילינג־פּאָר,
אוןביידע לויכטן, פלאַמען.

און בעבזיק קוקט פאַרגאַפט,
פאַרחדושט אַף זייביידן:
ער קען ניט צווישן פּאָר
אפילו אונטערשיידן...

נאָר ווען די זון פאַרשווינדט
און נאַכט פאַרלעשט די שויבן, —
אוי! דאַן דערמאָנט ער זיך
אין זיינע גאָלדענע טויבן...

# פּאַראַסקע



די באָבע ז׳ניט מיט אַלעמען...
דער אָסיען האַלט אין קומען —
איז האָט די מאַמע פאַר אַ דינסט
פּאַראַסקען צוגענומען.

פּאַראַסקע האָט צוויי צעפּ פון פלאַקס
און אויגן פון אַ סאָווע;
אַ פּנים ווי אַ רעשעטע
און ליטקעס בוראַטשקאָווע.

דער פעטער מאיר פון פּישטשאַן
געבראַכט האָט די מציאה.
די באָבע לאַכט: — מיין מאיר׳ס גוסט!
אַ מבין כאָטש אַ בריאה?

צוויי פּיס אַזוי ווי באַ אַ בער
און שאַרט זיך ווי אַ כמאַרע.
זי שווייגט און אַרבעט ווי אַ שד!
עס זעצט פון איר אַ פּאַרע...

נאָר בעבזיקן געפעלט זי גראָד.
דער עיקר, — אים געפעלן
די רויט-און-גרינע פּאָליקעס,
די ווינשל-רויטע קרעלן;

די אוירינגען די מעשענע,
די קוויטלדיקע קליידער,
און דאָס, וואָס זי גייט אום אין שטוב
אַ באָרוועס כסדר.

זי טרעט אין גאַס אַף הרודעס, גלאָז,
און — אסור אויב איר שאַט עס:
אַז אַלצדינג ווערט אַזוי ווי שטויב
באַ איר אונטער די פּיאַטעס...

ווען ער וואָלט האָבן גרויסע פיס,
אַזוינע ווי פ א ר א ס ק ע ס, —
וואָלט ער צעטראָטן אין גלח'ים סאָד
די בינען מיט די פּאַסטקעס!

פון גאָרטן, — אים אַ תל געמאַכט!
קיין גרעזל ניט געלאָזן,
דערפאַר וואָס זיין פּאַניטשל האָט
זיין טייבעלע דערשאָסן.

פ א ר א ס ק ע האָט אים ליב און טוט
אַלצדינג, וואָס אים נאָר ווילט זיך.
האָט נעכטן אַפן הויף מיט אים
אין פערדעלעך געשפּילט זיך.

האָט אים אַליין אַרויפגעזעצט
אַף אירע ברייטע פּלייצעס:
איר גאַרטל איז זיין בייטש געווען,
און אירע צעפּ — די לייצעס.

אוי, אוי! איז דאָס אַ פערדעלע!
אוי, אוי! איז דאָס אַ יאָגער!
פאַררייסט די רויטע פיס און פליט,
אָט — ווי דעם גלח'ים אָגער.

ער וואָלט אַ בעלן זיין אַמאָל
דאָרט וואו דער טייך צעפּלייצט זיך;
דאָרט וואו די זון פאַרגייט און וואו
דער רויטער ווינט-מיל דרייט זיך...

# הענטשקעלעך



אַז בעבזיק האָט פאַרטאָן דעם קאָפּ
פון קישן אויפגעהויבן,
האָט ווייס ווי פוך דער ערשטער שניי
געפלאַטערט פאַר די שויבן.

דאָס פעלד, אין בייטן זילבערנע,
ליגט אויסן שטאָט צעאַקערט.
אין הרובע ליגט אַ קלעצל האָלץ
און פאַרשקעט, ניסט און פלאַקערט.

— אוודאי וועט די מאַמע היינט
אין דרויסן אים ניט לאָזן:
דער כמאַרנער הימל ברוגזט זיך
און פוילע ווינטן בלאָזן. —

די באָבע שטריקט באַם פענצטערל,
דעם קאָפּ צום שוים געבוינן.
ער נעמט ניט אַף קיין אויגנבליק,
פון איר אַראָפּ די אויגן.

— וואָס וואַרפט אַזוי אין איילעניש
די באָבע מיט די שטעקלעך?
צי שטריקט זי הענטשקעלעך פאַר אים,
צי פאַר דער שוועסטער זעקלעך?

און בעבזיק וואָלט אַ בעלן זיין
צו וויסן, נאָר — ער שרעקט זיך:
דער באָבעס קנויל איז ווייסע וואָל...
אוודאי שטריקט זי זעקלעך!

די באָבע — ווי זי וואָלט דערפילט
אַף זיך דעם אייניקלס בליקן,
גלייכט אויס דעם רוקן און זי הערט
אַ רגע אויף צו שטריקן:

— איך שטריק פאַר פייגלען זעקעלעך — — —
ס'איז — — מחמת, — זי איז קלענער...
דערפאַר וועלן דיינע הענטשקעלעך
זיין רויטינקע, און — שענער...

— צוויי הענטשקעלעך מיט פינגערלעך
אַזוי ווי פאַר אַ גרויסן.
ווייסט דאַרפן שפּילן זיך אין גאַס
און ווינטער ז'קאַלט אין דרויסן.

די אייגלעך בעבזיקס פּיכטלען זיך,
אים פייערן די בעקלעך:
— איך שטוב איז וואַרעם... וואָס זשע דאַרף
דער „קנור" נאָך וואָלענע זעקלעך?!

אין דרויסן פאַלט דער ערשטער שניי,
אַ ליכטיקער, אַ גרינגער,
און ער, געפאַנגען זיצט און וואַרט
אַף הענטשקעלעך מיט פינגער...

פּראַסקע גייט אַ באָרוועסע
אַרום אין גאַס און — גאָרניט!
און ער טראָגט נייע שטיוועלעך
מיט וואָלעקעס און — טאָר ניט!...



פאראסקע טראָגט בעבזיקן אויף די פלייצעס

# אַפן גליטש

קערט אַראָפּ דאָס ווייסע וואָל
פונעם בלויען טייך קרישטאָל.
טוט די גליטשער אָן געשווינדט
און פאַרוויקלט זיך אין ווינט;
אָטעמט איין אין זיך דעם פראָסט
און זיך פלינק אַוועקגעלאָזט
מיטן בלויען-גרויען אייז —
איינס נאָך איינס און פּאָרלעך-ווייז.

פון די גליטשער זעצט אַ היץ
און פון אייז — שלאָגט אויף אַ בליץ;
טוט זיך דורך דער נאַכט אַ ריס
און פאַרפּלאָנטערט הענט און פיס:
פראָסט און אָטעם, שניי און זויל —
איינגעפּלאָנטערט אין אַ קנויל.
אויג און שטערן — אויסגעמישט,
אַז מע ווייסט קיין חילוק נישט
און ס'איז צו דערקענען שווער, —
ווער איז וואָס און וואָס איז ווער...
נאָר, וואָס גייט עס אָן דער נאַכט,
ווער עס קווייטשעט, ווער עס לאַכט?

ווערט אַן אויער פּלוצים ווייס, —
איז דאָס גאָר אַ קנאַפּע נייס:
נעמט מען אָן אַ זשמעניע שניי
און מען רייבט אים אָן אַזוי,
אַז עס קאָכט אַזש אויף דאָס בלוט,
און עס ווערט מחיה, גוט!

טאָמער פאַלט ווער אַפּן נאָז
און צו׳דמ׳ט זיך, — נו, איז וואָס ? —
בלייבט פאַרצייכנט אויפן אייז :
— דער און דער, — געמאַכט אַ גרייז...

אַז דער ווינטער וועט פאַרביי,
וועט דער פרילינג סיי ווי סיי
טאָן אַ רים אַראָפּ דאָס אייז
און פאַרווישן שטריך און גרייז.
און דעם פלאָנטער און געדריי —
איינגעקריצט אין אַייז און שניי —
וועט דאָס וואַסער אין זיין שוים
טראָגן צו דעם קאַרשן־בוים.
און די בלויקייט פון קרישטאָל —
צו דעם שטראָם, וואָס לויפט אין טאָל.

נאָר דער פרילינג איז נאָך ווייט
און דער ווינטער האָט זיך צייט
און דער פראָסט, — אָנאויפהער שמידט,
און דער גליטשער — נאָך ניט מיד.

אָבער — ווער איז דער וואָס פליט,
צווישן קליינוואַרג, אינדערמיט ? —
ווי פון אונטערן אייז אַרויס,
אומגעלומפּערט הויך און גרויס ?
עפּעס זעט ער אויס, דער זשלאָב, —
אַ פּאַלאָניק צווישן באָב...
ממש ס׳כאַפּט אַ פּחד אָן,
אַז ער טוט אַ גיי אין קאָן
און אַ זעץ מיטביידע פּיס,
און דערלאַנגט אין ווינט אַ ריס ;
טוט אַ וואַקל זיך, אַ דריי
און אַ בורע אויף דעם שניי, —
ווערט אַן אמת׳ער זאַווי.

נאָר, ניט שרעקט זיך, אָן געפאַר!
ס'איז דער שבת-גוי מאקאר!
וואו זשע איז מאקארס קוזשוך?
— אינעם שענק-הויז, באַם יעוונוך;
— און די שאפּקע, אויך אין שענק?
— נאָך אַ פּראזדניק... גיי געדענק!...

אַז מען האָט יעסוס כריסטאָס,
וואו באַהאַלטן, נו — איז וואָס?
דאַרף מען זוכן... גיי זשע זוך, —
זוך באַם שענקער דעם קוזשוך!

אָבער, — פּאָרט, מאקאר... אַ סוף!
שטערסט דאָך אַלעמען דעם שלאָף!
הערט מאקאר ניט וואָס מע רעדט —
וואו האָט דען מאקאר אַ בעט?
ס'האָט צעמאָל דאָך ניט דער כלאָפּ,
אָנצושפּאַרן וואו דעם קאָפּ.
דעכער זעט מאקאר אַ סך,
נאָר פאַר אים, — ניטאָ קיין דאַך.
נישט קיין דאַך, נישט קיין קוזשוך —
כאַפּט זיי אַלעמען דער רוח!!!

און מאקאר דערלאנגט אַ שפּיי,
טוט די פּיס אַ הייב פונסניי
און אָן אייז אַריין אַ זעץ
און צעלאַכט זיך ווי אַ לץ:
פּראָסט און בראָנפן — ביידע גוט
צו דערוואַרעמען דאָס בלוט.
אָבער בראָנפן טרינקען — קאָסט...
טרינקט מאקאר דעם בלויען פּראָסט.




דער פעטער מאיר שפּילט אין דריידל

# דער פעטער מאיר שפּילט אין דריידל




ער פעטער מאיר פון פּישטשאַן
איז דאָ מיט פּערד־און־שליטן —
אַ זאַווערוכע אין אַ פּעלץ
און מיט אַ שמויסן־היטל.

דער פעטער וואַרפט פון זיך אַראָפּ
דעם שווערן פּעלץ, דעם ווייסן.
די באָבע גרייט צום טיש און ער
גייט עפּעס איבערבייסן ...

ער זאָגט איר אָן די בשורה שוין:
זי מעג אַף אים זיך ריכטן,
אַז ער זאָל בלייבן דאָ, באַ איר,
ביז נאָכן אַכטן ליכטל.

דער אויוון פלאַמט. די סקאָווורעדעס
אין רויטן פייער זשאַרען.
די ברוינע גריוון שמעקן שאַרף,
די הייסע לאַטקעס פּאַרען ...

דער טאַטע צינדט די ליכטלעך אָן
מיט אַ געשמאַקן ניגון.
די פייערלעך אין פענצטער־גלאָז
פאַרחלומטע זיך וויגן.

און בעבזיקס איינגלעך בלאָנדזשען אום
פון טאַטן צו דעם פעטער:
וואָס גיט מען ניט קיין חנוכה־געלט?
וואָס ליינט מען אָפּ אַף שפּעטער?

דער פעטער האַלט דאָס בייטעלע
און שלאָגט זיך מיט דער דעה.
ער באַברעט זיך און נעמט אַרויס
אַ זילבערנע מטבע.

די באָבע שלעפּט פון הינטערקלייד
אַרויס אַ גאַנצן דרייער.
און ב ע ב ז י ק טראַכט: אים ערשט געמאַכט,
זעט אויס אַ שפּאָגל־נייער.

דער טאַטע האָט פאַר ב ע ב ז י ק ן
אַ גלאַנצנדיקן גילן;
אַ דריידל און אַן עצה, ווי
אַזוי דערמיט צו שפּילן.

געוואָלט וואָלט ב ע ב ז י ק ווייזן שוין
פאַר עמעצן זיין דריידל, —
איז שלאָפט פ א ר א ס ק ע... און פיינעלע, —
וואָס ווייסט זי וואָס? — אַ מיידל!...

דער פעטער שלאָגט זיך אָן: אַז ער —
די פינגער ממש ברענען —
וועט ווייזן ווי מע טוט אַ דריי,
וועט ב ע ב ז י ק טאַקע קענען!

איז נעמט ער ס׳דריידל אין דער האַנט —
די אויגן ממש שטראַלן —
אַ דריי, — אַ טאַנץ — אַ שפּרונג אַריין
אין פעטערס באָרד — פ־אַ־ר־פ־אַ־ל־ן!

דעם טאַטנס אויגן שמייכלען שטום
די מאַמע פילט זיך פריקרע...
די באָבע אָבער לייגט ניט אָפּ,
און נעמט זיך צו דער זיקנה...

זי באַברעט זיך אין פּעטערס באָרד: —
נישטאָ, ווי אויסגערונען!
אין באָד, ערשט פרײַטיק, האָט ער דאָס
באַ זיך אין באָרד געפונען.

דערפאַר האָט ער ערשט ב ע ב ז י ק ן
געשאָנקען אַזש אַ גילן,
און טאַקע אויסגעלערנט אים
זיך מיטן דריידל שפּילן.

און ב ע ב ז י ק דרייט און דרייט און דרייט
ביז ס'פאַלן צו די ברעמען.
דער ווינט אינדרויסן קעמט דעם שניי
און הערט ניט אויף צו קעמען.

עס דרייען פאַר די פענצטערלעך
זיך גלעזערנע שקאַרמיצן,
און מיצלעך, ווייסע, זיידענע
מיט קוטאַסן און שפּיצן...

דער אַלטער טויער טוט אַ שלוכץ,
אַ הייזעריקן סקרוכע: —
עס קומט פון וואַלד, אין ווייטן פעלד,
אַ ווייסע זאַווערוכע.

# זאַווערוכע



אין דער נאַכט דער גרויער,
ווײנט אַן אַלטער טויער.

ווײנט, ווי פאַר דער מיתה:
— כ'האָב נאָר איין זאַוויסע.

איינע מיר געבליבן
פון זאַוויסעס זיבן.

און דער ווינט, דער כּעס,
הערט ניט אויף צו רייסן...

ווינט דער מידער טויער
אין דער נאַכט דער גרויער.

און די זאַווערוכע —
ווילד, צעקאָכט די יוכע

מיט באַקן אָנגעבלאָזן, —
די ווייסע האָר צעלאָזן,

מיט שלייער, קראַנץ און פעכער, —
צעטאַנצט זיך אַף די דעכער.

די ווייסע קליידער בלענדן
באַ איר אַרום די לענדן

און ס׳שימערן די שליאַרעס
אַרום די שאַרעוואַרעס...

פליט פון וויסן פעכער,
פוך אַף בוים און דעכער,

פוך אַף טרעפּ און שוועלן,
פוך אַף מאַרק און שטעלן,

פוך אַף צאַמען, פלויטן,
פוך אַף פעלד, אַף טויטן,

פוך אַף קלויסטער־צלמים,
פוך אַף טייך און ברונעם,

פוך אַף בלויע שויבן,
פוך פון ווייסע טויבן, —

פוך אַף — פערד און שליטל ;
אַף אַ פויעריש היטל,

אַף אַ פויערם סוויטע :
— הער נאָר, העי, מ י ק י ט ע ! —

פייפט דער ווינט דעם פויער
שאַרף אַריין אין אויער —.

און די גלעקלעך דראָנדזשען :
— פויערל, מיר בלאָנדזשען !

דריי זיך אוים אַ־הינטער :
זעסט ! — אַ ווייסער צווינטער !

שבט ... באַנאַכט ... און — ווינטער ...
פלוצים נאָר, — אַ צווינטער !

צלמט זיך דער פויער.
וויל פאַרביי דעם טויער,

נאָר דער צווינטער־טויער —
לויפט אים נאָך, דעם פויער ;

גייט זיך, גייט זיך, גייט זיך !
און דער שליטן — דרייט זיך,

דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך !

און די זאַווערוכע —
ווילד, צעקאָכט די יוכע —

טאַנצט אַרום דעם שליטן.
ס׳פויערל, אינמיטן,

רייסט די אויגן אָפן,
נאָר — עם ווילט זיך שלאָפן.

שלאָפן ... שלאָפן ... שלאָפן ...

# קוויטן



עס שמעקט דער פרילינג אַפן גאַס,
דער פסח — אין די שטיבער.
די בלאָטע יערט, דער טייך לויפט אוף,
און גייט די ברעגן איבער...

פ א ר א ס ק ע  רוימט די גאַנצע וואָך
און הערט ניט אויף צו רוימען:
זי טינקעוועט די ווענט אין קיך,
די הרובע און דעם קוימען.

צום וואַנט אַ לייטער צוגעשטעלט
און זיך אַרויפגעדראַפּעט
און קודם כל דאָס פּנים און
די אויגן זיך פאַרליאַפּעט...

און  ב ע ב ז י ק  שטייט און קוועלט גאָר אָן:
אַ בריה, זיין  פּ א ר א ס ק ע!
אַ שמיר אַהער, אַ שמיר אַהין;
פאַרענדיקט מיט אַ פליאַסקע

און ס'בלאַנקען שוין די ווענט אַרום;
עם לויכטן, שעמערירן
די גזימסן פון די פענצטערלעך,
די לאָדן און די טירן.

און באַלד שוין — אָט, ווי גרויס זי איז
אין אויוון איינגעפּאַקט זיך,
אַ ליכטל שמינקלט לעבן איר —
זי שמירט... אים דאַכט: זי באַקט זיך!

פון אויוון זעט מען נאָר אַרוים
צוויי פּים מיט רויטע ליטקעס.
די באָבע לאַכט: — נישקאָשע ניט...
אַ מבין כאָטש אַף קיטקעס?!

וואָס מער די באָבע לאַכט, אַלץ מער
ווערט אים פּאַראַסקע ליבער:
— זי האָרעוועט און עסט אין קיך
וואָס פונעם טיש בלייבט איבער.

פון פרי ביז שפּעט... ניטאָ קיין צייט
די נאָז זיך אָפּצעווישן, —
און שלאָפט אין קיך אַף הוילער ערד
אפילו אָן אַ קישן.

די באָבע זאָגט פּאַראַסקען צו:
— די וואָך וועט איבערלויפן
און זי וועט איר אַ ציצן קלייד
מיט רויטע קווייטן קויפן.

פּאַראַסקע ציילט די טעג און וואַרט
פון איין טאָג אויפן צווייטן...
און ס'חלומט איר זיך נאַכט און נאַכט
אַ קלייד מיט רויטע קווייטן.

עס שפּראָצט אַף טאָג. די זון גייט אוף.
אַ בלויע שויב צעגליט זיך.
אַ קאַרשנבוים אין גלחם סאָד
באַם סאַמע פלויט צעבליט זיך...

# נ י ס




ויסגעפּוצט פון קאָפּ ביז פיס.
פולע קעשענעס מיט ניס!

ווייסט ניט  ב ע ב ז י ק,  וואָס מע טוט.
ווייסט נאָר, אַז — עס איז אים גוט!

טאַקע, וואָס קען ער עס טון,
מיט אַזאַ מין גרויסער זון?!

מיט אַזוי פיל ליכט אין גאַס,
מיט די סטריכעס, גלאַנציק, נאַס,

מיטן שטיפערישן ווינט;
מיטן ריטשקעלע וואָס רינט,

בלעזלט זיך און שטראַלט און גלאַנצט;
מיט דעם ציגעלע, וואָס טאַנצט,

אין דער זון, אינמיטן מאַרק;
מיט דעם ווינט-מיל אויפן באַרג,

מיט דעם גלחס גרינעם סאָד,
מיט דער מיל און וואַסער-ראָד;

מיט דער סאָסנע — הויך און גלייך,
מיט דעם שמייכלענדיקן טייך;

מיטן טאַטן אויבנאָן! —
בגדי מלכות אָנגעטאָן;

מיט דער מאַמען לעבן טיש,
ווי דער פרילינג, ליכטיק, פריש; —

מיט דער באָבן באַ די ליכט: —
מיט איר שמייכלענדיק געזיכט

און מיט פ י י נ ע ל ע ן, וואָס ליגט,
ווי אַ קאַטינקע, אין וויג?

מיט דער קאַץ, וואָס זיצט באַם שוועל;
קעמט זיך מיט דער צונג די פעל;

ב ע ב ז י ק ווייסט ניט, וואָס מע טוט —
ווייסט נאָר, אַז — עס איז אים גוט!

# מאַקאר שדכנט זיך



א ק א ר קומט אָפּט אין שטוב אַריין.
ער וואַרט שוין ניט ביז שבת.
— אַן אויסרייד: ער האָט צוגעזאָגט
פאַרלאַטענען דער באָבעס

פאַראַיאָרעדיקע וואָליקעס,
די קאַמער אויפצערוימען,
פאַרריכטן איר דעם פּריפּעטשיק
און אויסקערן דעם קוימען.

פ אַ ר אַ ס ק ע פּוצט און פּרינדעט זיך;
זי וואַשט דעם פּנים און קעמט זיך.
און קומט מ א ק א ר, — איז ווערט זי רויט,
נעמט שוויצן און פאַרשעמט זיך.

מ א ק א ר האַקט האָלץ, מ א ק א ר רייבט כריין...
— נישקשה, — לאַכט די באָבע —
דער ערל אַרבעט ניט אומזיסט...
ס'איז אַלץ פאַר עולם הבא.

מאקאר געפעלט ניט בעבזיקן:
— וואָס קומט ער אינדערוואָכן?!
אַריינגעקליבן זיך אין קיך...
ווער בעט אים פאַר אַ שכן?

די זון פאַרגייט, באַם סוף פון שטאָט —
דער טייך, פאַרוויטלט, שפּרייט זיך
און אָפן באַרג, אַ גאָלדענער,
דער ווינט-מיל דרייט זיך, דרייט זיך.

— האָט צוגעזאָגט אים נעמען דאָרט,
און אים געמאַכט צום נאַרן.
שפּאַצירט פאַרנאַכט אַהין אַוועק ———
אוודאי מיט מאקארן...—.

אוי, אומעטיק איז בעבזיקן —
ער בלייבט אַליין, אים דאַכט זיך.
אין ווינקלע האָט פּיינעלע,
פון העלערהויט, צעלאַכט זיך...

# חול-המועד




ער טאַטע קלערט: אם ירצה השם,
נאָך יום טוב, בלי-נדר,
דאָס בחורל, ס'הייסט בעבזיקן,
אַוועקגעבן אין חדר.

די מאַמע קווענקלט זיך... זי דרינגט:
אַ קינד... זי האָט נאָך מורא...
די באָבע וואָרטשעט: האָסט געזען?!...
וועט אָניאָגן די תורה!

און ב ע ב ז י ק איז מטושטש גאָר:
— מיט וועמען איז מען מסכים?
וואָלט וועלן זיך מישב זיין...
אַ שמועס טאָן מיט פ אַ ר אַ ס ק ע ן.

— אַז זי זאָל אַלע טאָג מיט אים
אין חדר אַריין קומען, —
וואָלט שוין באַם רבין בײדע הענט
ממילא אָפּגענומען...

אין אָוונט האָט דער טאַטע פון
דער שול געבראַכט צופירן,
אַ רויטן אידן מיט אַ האָרב
און בעקלעך, ווי געשווירן.

—אַ־נו, זאָל ב ע ב ז י ק ווייזן אים
אין סידורל אַן אַלף.
דעם אידנס קול איז פרעסטלדיק
און שניידט, אָט ווי אַ חלף.

נאָר ב ע ב ז י ק ווייזט...און ב ע ב ז י ק קען!
אַ קולכל, ווי אַ גלעקל.
דער הויקער קוועלט און שענקט דעם קינד
אַ לייכטן קניפּ אין בעקל.

* * *

די מאַמע זיפצט: — דער איד ווייזט אוים
אַ קאַט און אַ בעל־העזה —
די באָבע ברומט — דער איד איז ניט
קיין רבי, נאָר אַ קאָזע. —

דער טאַטע שמייכלט נאַרישלעך:
— לחלוטין ניט קיין ראיה.
דער איד האָט דוקא קינדער האָלט,
און לערנט — אַ מחיה! —

און ב ע ב ז י ק טראַכט: — דער רויטער איד
האָט פּייכטע הענט, ווי זשאַבעס
און אַז פון אַלע זומער טעג
ווערט בלויז אים בלייבן — שבת.

און ב ע ב ז י ק קלערט: — דעם הויקערדס קול
עס שניידט ווי מיט אַ חלף
און אַז דער ווינטמיל אָפּן באַרג
איז ענלעך צו אַן אַלף...

און ב ע ב ז י ק טראַכט: — דער רבי וויל
אים מיט אַ קניפּ פאַרנאַרן...
און אַז ער האָט פ אַ ר אַ ס ק ע ן ליב, —
נאָר זי האָט ליב מ א ק א ר ן. —

און ב ע ב ז י ק טראַכט: — זיין באָבעלע
האָט טרערן אין די אויגן...
איין טויב געטראָפן האָט אַ קויל,
די צווייטע — איז פאַרפלויגן...

און ב ע ב ז י ק טראַכט. נאָר שטילע נאַכט
פאַרזינגלט אים די וויעס
און גוטער שלאָף פאַרהילט און וויגט
אַריין אין אים אַ חיות.



# דער רבי האָט אַ דירהלע

אַ חדר פול מיט אינגעלעך,
אוי, אינגעלעך מיט צינגעלעך,
מיט קעלבעלעך, ווי גלעקעלעך,
מיט רויטע, פּוכקע בעקעלעך,
מיט פּאה'לעך און לעקעלעך,
מיט שיכעלעך און זעקעלעך,
און מייטקעלעך מיט עקעלעך...

דער רבי האָט אַ דירהלע,
דאָס דירהלע — אַ טירעלע;
אַ פענצטערל מיט שייבעלעך —
אַ שטיינעלע פאַר טייבעלעך,
פאַר הינדעלעך און פייגעלעך,
מיט בענקענדיקע אייגעלעך. —
אוי, אייגעלעך, ווי שפּיגעלעך,
און — אָפּגעהאַקטע פליגעלעך...

אין חדר הענגט אַ קאַנטשיקל —
די פעל פון אַ באַראַנטשיקל —
דערציילט אַזוי דאָס קאַנטשיקל:
— געווען אַ יונגערמאַנטשיקל,
וואָס האָט געקענט אַן אַלפל
און האָט פאַרמאָגט אַ חלפל.

האָט ער — דאָס יונגערמאַנטשיקל —
געשאָכטן דאָס באַראַנטשיקל.
דער קצבניזק פון שטעלכעלע,
שינדט אָפּ פון דעם דאָס פעלכעלע,
פאַרקויפט עס באַם ירידעלע
אַ גאַרבערל, אַ אידעלע.
הכלל, — פון דעם באַראַנטשיקל,
ווערט שפּעטער־צו — אַ קאַנטשיקל.
דעריבער מעקען אינגעלעך,
באַם לערנען, ווי די ציגעלעך —
ב־ע, מ־ע־ע, ב־ל־ע־ע.

אַ חדר מיט בחורימלעך.
אַ לאַנגער טיש... סידורימלעך,
כל־בוניקלעך, חומשימלעך,
דערציילן זיי חידושימלעך:
פון וועלדער ערגעץ, ווייט אַוועק!

פון העקערלייט מיט שאַרפע העק,
וואָס האָבן דעמבעם אומגעבראַכט
און ווייס פּאַפּיר פון זיי געמאַכט.
פון דעם פּאַפּיר — סידורימלעך,
פאַר קליינינקע בחורימלעך.

דאַריבער זינגען אינגעלעך —
מיט פייערדיקע צינגעלעך,
מיט בלישטשענדיקע אייגעלעך —
באַם לערנען, ווי די פייגעלעך:
— צוויר — — — טשיר — — — שיר — — — —

און — ב ע ב ז י ק איז אַ פייגעלע,
דאָס קאַנטשיקל — אַ צווייגעלע,
דאָס סידורל — אַ וועלדעלע,
דאָס אות׳יעלע — אַ שוועלבעלע,
ס׳נקודהלע — אַ נעסטעלע.
דעם רבינס בליק — אַ פרעסטעלע —
ב-ו-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר-ר !!!

# דאָס געפּענטעטע הענדעלע



ער טאָג איז הייס, דער רבי — בייז:
— נו, שייגעץ, קמץ אַלף!?
אַ קעלבל ציט און ציטערט ווי
אַ האַלדז אונטער אַ חלף...

דער טאָג איז גרויס, דער טאָג גייט אויס, —
נישטאָ, אַוועקגעפלויגן!
דער סידור צו... אַ מידע רו
מאַכט אויף צוויי בלויע אויגן.

— אַ ברוינע טויב ... אַ ראָזע שויב.
אַ ווייסע שטוב. אַ שאָטן.
די מאַמע שטייט, די הענט פאַרליינט, —
צום שוועל ווי צוגעזאָטן ...

געגרייט דער טיש. דאָס ברויט איז פריש,
דער קימל שמעקט ביז דרויסן.
דער טאַטע גלעט די באָרד און רעדט
צו אים ווי צו אַ גרויסן.

די זון פאַרגייט, דער אָוונט שפּרייט
פאַנאַנדער מרה־שחורה ...
אַ בלודנע מויז קריכט אום אין הויז
און גריזשעט שטיל, מיט מורא.

און אין די ווענט, דאָס לעמפּל ברענט
בצמצומדיק געצונדן.
אין ווינקל קרעכצט און צאַפּלט זיך
אַ הענדעלע געבונדן.

דער אַנגסט פון עוף באַטריבט דעם שלאָף,
וואָס הענגט אַף ב ע ב ז י ק ס ברעמען:
— ווער וועט דעם צער, דאָס ווײסט געפאַר ...
פון הענדעלע פאַרנעמען?!

עס ציט זיך פויל דער בלויער קנויל,
וואָס ליגט צווישן ערד און הימל ...
די באָבע נאַכט — זי זיצט און טראַכט,
און שטריקט פאַר וועלט איר דרימל ...

ס׳איז קיל, ס׳איז בלוי, דורך וויים און גרוי
דער מאָרגן נעמט שאַרייען.
דער זייגער ציט ... ער ציילט און היט —
סע טאָגט שוין! — ציט צו קרייען!

— נו קו-קו-רי צום מאָרגן-גלי!
זינג אויף! שאַל אויס! טרומפּייטער!!! — —
פּאַנטאָפל — טריט — אַ חלף בריט...
ס'איז בלוי — ס'איז רויט — ס'איז רויטער!

# גאָנטע



די ראַבע קאַץ האָט קעצעלעך!
אַזוינע קליינע. ברעקעלעך!
מיט צוגעמאַכטע אייגעלעך
און לאַנגע, דינע עקעלעך.

זי ליגט אונטערן פּריפּעטשעק.
עס חידושט זיך די באָבע:
— דריי פּאָפּעליאַטע קעצעלעך,
און איינס נאָר איז אַ ראַבע?! —

פּאַראַסקע שמייכלט און זי ברומט —
זי ווייסט פאַרוואָס... נו, פּטור! —
בלויז איינס איז גראָטן אין דער קאַץ
און דריי אין שכנס קאָטער...—

און בעבזיקן פאַרדריסט עס שטאַרק:
פון וואָס איז דאָ צו קוועלן!?
פון אַלע פיר איז איינס נאָר,
דאָס ראַבע, אים געפעלן.

דעם שכנס קאָטער האָט ער פיינט! —
דעם לאָבוס, אָט דעם גרויסן —
יאָגט אום אין מאַרק די טייבעלעך;
כאַפּט פייגעלעך אין דרויסן.

גייט אום אַן אָנגעבלאָזענער,
מיט אַ צעדראַפּעט פּנים.
מיט אַלע קעץ אין גאַס צעקריגט;
געמאַכט זיך זיי פאַר שונאים!

אַף אַלע פּלויטן קריכט ער אום
באַנאַכט און לאָזט ניט שלאָפן
און וויינט, ווי אַ מגפה וואָלט
אים הינטן נאָכגעלאָפן...

די באָבע רופט אים ג-אָ-נ-ט-ע-ל-ע!
און הערט ניט אויף אים שלאָגן:
פון זאַלץ-ברעט שוין ניט איינמאָל איר
די שמאַלץ אַוועקגעטראָגן...

דעם פלעדערוויש, פון אונטערן האַנט,
באַ איר אַוועקגענומען...
— אַ פינצטערע מפלה זאָל
אַף גאָנטע קאָזאַק קומען! —

און זי, די קאַץ, די ראַבע, קוועלט,
אָט, — טאַקע ווי להכעיס, —
שלעפט איבערן שטוב די קעצעלעך
און מורקעט אַזש פאַר נחת...

אינדרויסן פליען פייגעלעך,
און טשירקען אַף די דעכער,
זיי שאַרן זיך און שפּאַרן זיך
אַפיר פון בוידעם-לעכער.

און הינטער סטריכעס, טייבעלעך
זיך ליובן אַף די באַנטעס
און וויסן ניט, אַז אונטן וואו
זיך פלאָדיען וויסטע גאַנטעס.

אין גאַס, — דער קאָטער ראַטשקעוועט,
באַ דרערד, אָט ווי אַ זשאַבע.
וואָס אַרן אים די קעצעלעך,
און זי, די קאַץ די ראַבע?

אַ פּינגעלע. אַ שוועלבעלע!
פּאַציאַפּן דאָס, פּאַרצערן!
פּאַרצוקן און באַלעקן זיך —
פּאַרשרפּעט זאָל ער ווערן!

# נ י ס ע ל ע



ברעקעלע, אַ שנעקעלע,
אַ וועוורוק, אַ טשיקאַווער!
צווישן אַלעמען — דער אַנדערשסטער,
איז נ י ס ע ל ע, זיין חבר.

אַ ברוינס, אַ רונדס, אַ יאָדערדיקס —
און היסט, צום רומעל, — נ י ס ל!
האָט זשאַווער רויטע הערעלעך,
און שטאַמלט צו אַביסל.

און איינגלעך האָט ער קראָליקשע,
און גייען, גייט ער גיכלעך.
צווישן אַלע אינגעלעך איז ער —
דער איינציקער אָן שיכלעך.

זיין מאַמע, די אַלמנה, זיצט
אין מאַרק מיט ברויט און היוון.
דערפאַר איז נ י ס ל אַף געבעקס
אַזאַ מין גרויסער מבין...



בעבזיק און ניסעלע

דער טאַטע זיינער איז געווען
אַ סופר סיגאַנצע לעבן,
דערפאַר קען נ י ס ל מאָלן שיין,
און — כאַפּן פּעטש פון רבין.

די אינגלעך עסן וואַרעמעס
און נאַשן וואָס מען טאָר נישט
און נ י ס ע ל ע — דער איינציקער —
עסט טרוקן ברויט מיט גאָרנישט...

און נעמען, — דאָס וועט נ י ס ל ניט!
אומיסטן פּרואווט אים געבן!
דאָס איינציקע, וואָס ער נעמט יאָ, —
זיאַ מתנת־יד פון רבין.

דער רבי גיט אים צו פאַרשטיין —
און גלעט דערביי דאָס בערדל —
דאָס איז דערפאַר, וואָס דו ביזט גראָד
באַ מיר דאָס בעסטע פערדל...

נאָר ב ע ב ז י ק קען ניט משיג זיין:
— וואָס איז דאָס פאַר אַ שכל?!
דער רבי גלעט דאָס בערדעלע
און וואַרפט דעם צו אַ שמייכל...

נאָר נ י ס ע ל ע האָט דווקא ליב
די אינגלעך אונטערזאָגן...
— אוי, נ י ס ע ל ע! אוי, פערדעלע!!
אוי, וועט דער רבי שלאָגן!!!

נאָר נ י ס ע ל ע — אים אַרט עס ניט,
אַ מאָדנער... אַ טשיקאַווער.
צווישן אַלע אינגעלעך איז ער —
דער איינציקער, זיין חבר.

# דער נדר



דער רבי האָט היינט ניסעלען
כמעט אומזיסט געשלאָגן,
דערפאַר, וואָס ער האָט בעבזיקן
געפרואווט בלויז אונטערזאָגן...

די בעקלעך ניסלס פייערן,
און בעבזיקס אייגלעך ברענען:
— פאַרוואָס קומט ניסעלען אַ פאַטש,
און אים אַזוי פאַרשעמען!?

אין הערצל קאָכט און זידט דער כעס...
און בעבזיק טוט אַ נדר:
— פונאיצטערט-אָן און וויטער זיין
דאָס בעסטע קינד אין חדר!

וועט אַלע, אַלע אינגעלעך,
באַם לערנען אונטערזאָגן.
און ניסעלען, אוי, ניסעלען
וויל ער ניט איבעריאָגן...

אוי, ניסעלען, זיין ניסעלען, —
וועט ער ניט גיין אַנטקעגן:
אַז ער וועט קענען נאָר ווי ער, —
גענוג פונזיינעטוועגן!

דער רבי קוקט אַף בעבזיקן
און בעבזיק אַפן רבין.
און ניסעלע — אינערגעץ ניט,
און ס׳וויינט אין אים זיין לעבן.

באַנאַכט האָט ב ע ב ז י ק שטיל געזיפצט,
געזיפצט אַף זיין געלעגער.
דער באָבן וואָלט ער יאָ געזאָגט...
איז, — ווייסט ער ניט צי מעג ער?

און ס'וויינט די גאַנצע לאַנגע נאַכט
באַ אים אין האַרץ זיין נדר:
אַ גוטער אינגעלע איז דער,
וואָס זאָגט ניט אויס פון חדר.




דער רבי האָט אַ רביצן,
די רביצן — אַ ווינעלע,
דאָס ווינעלע — אַ אינגעלע,
דאָס אינגעלע — אַ ציגעלע.

דאָס ציגעלע — אַן איטערל,
דאָס איטערל — אַ קרינעלע,
דאָס קרינעלע — אַ פלעשעלע,
פאַרן עופּעלע אין ווינעלע...

דאָס ציגעלע, — אין קעמערל.
דאָס אינגעלע, — אין וויקעלעד.
די קאַמער שטייט אַף נסימלעד,
דאָס ווינל הענגט — אַף שטריקעלעד.

אין חדר ז'דאָ אַ קונדסל;
אַ תבשיטל, אַ אינגעלע!
מיט פּריסיק אין די איינגעלעד
און פּולווער אַפן ציגעלע...

איז, — טוט אַ זאָג דאָס קונדסל:
— מע דאַרף דאָס קליינע ציגעלע
אַזוי־אָ פאַרן שטריקעלע
אַ בינדט טאָן צו דעם ווינעלע...

דער רבי איז אין קלייזעלע,
די רביצען — אין קרעמעלע:
איז — ווער זשע וועט פאַרווינן איר
דאָס קדישל, איר לעמעלע?

עס הוידעט זיך דאָס ווינעלע —
פאַמעלעכל, צוביסעלעך...
דאָס חדר האָט אַ פענצטערל,
דאָס ציגעלע האָט פיסעלעך!

דאָס ציגעלע האָט פיסעלעך
און הערנערלעך צוויי שפּיציקע,
און קלויען אַף שפּרונזשינעלעך
און איינלעך ווילדע, היציקע...

איז — וואָס איז דאָ צוברייען פיל? —
עס טוט אַ שפּרונג דאָס ציגעלע,
און דוקא דורכן פענצטערל,
און טאַקע מיטן ווינעלע!...

* * *

דער רבי האָט אַ קאַנטשיקל,
דער קונדס — אַ נעזעסעלע.
די רביצן אַ אינגעלע
מיט אַ צעפּלעטשטן נעזעלע...

# דער רבי האָט זיך צוגעשפּאַרט



ער רבי האָט זיך צוגעשפּאַרט...
אַף דעם האָט חברה דאָך געוואַרט!

נו, קריכט זשע פונעם טיש אַפיר
און עפנט שטילערהייט די טיר.

אין הינטערגעסעלע איז שטיל,
און פונדערווייטנס רוישט די מיל.

דאָס וואַסער זשוזשעט, מאַניעט, בעט:
— באַם ברעג איז טיף דער אָטשערעט,

און ער פאַרדעקט, און ער פאַרשטעלט
דאָס טייכל פון דער ווייסער וועלט...

* * *

מנשה ציט אַראָפּ די שיך;
טוט אויס די קליידער אַפּדערגיך

און טוט אַ שפּרונג — אַרויף, אַראָפּ —
אין טייך אַריין אַ שאָס דעם קאָפּ.

פון וואַסער טוט אַ זעץ דער שוים, —
אַ גרינער, ווי אַן אַגרעס־בוים:

צעגרינט זיך אויף אַן אויגנבליק
און קערט זיך אום צו שוים צוריק.

פון שוים קען ווערן אַגרעס־גרין,
נאָר ניט קיין טעלער פון בורשטין.

נאָר ניט קיין סערפּ פון בלויען שטאָל,
און ניט קיין טאַצן פון קרישטאָל;

צי שיסעלעך פון פאָרצעליי,
צי פעסעלעך פון גרויען בליי; —

און נישט קיין שאָלן פון סאַפּיר,
און נישט קיין אַנדער מין געשיר.

— פאַרוואָס זשע קען דאָס ניט געשען?
דו האָסט דאָך אויגן... קענסט דאָך זען!

עס בליצט דאָך ממש דאָס געפעס
אַרוים פון וואַסער ווי אַ נס!

נאָר, וואו איז דאָס מנשה איצט? —
דו זעסט ניט וואו מנשה זיצט?

ער זיצט אינמיטן טייך און קוועלט,
ווי ס׳וואָלט געהערט צו אים די וועלט.

מנשה כאַפּט דעם אָטעם אָפּ
און טוט אַ שטעל זיך אַפן קאָפּ,

און טוט אַ שטרעק זיך צו דער זון,
און טוט אַ וואָרף זיך ווי אַ וויון,

און טוט אַ דריי זיך אין אַ ראָד,
און גיט אַ גיי אַ קאַראַהאָד;

אַ שנייד דאָס וואַסער און — פאַרשווינדט.
איז — וואו מנשה דאָס אַצינד?

* * *

די זון אין הימל האַלט שוין ווייט.
שוין נאָנט צום ראַנד פון מערב זייט.

דער טייך ווערט גרוי און רויט און געל, —
פאַרוואַנדלט אין אַ טינגער־פעל!

אויף איינמאָל: — אוי, דער רבי גייט!!!
ער גייט... די זשופּיצע צעשפּרייט;

פאַראויס די לאַנגע, בלייכע הענט,
און ס׳בערדל זיינס, דאָס רויטע, ברענט...

* * *

וואָס דער רבי האָט געטאָן?
בעסער פרעגט ניט... הייבט ניט אָן!

פרעגט מנשהן... פרעגט דעם רוט...
נאָר מנשה שרייט: סע גוט!

נאָך אַ קילער באָד אַ שפּריץ
פון אַ צענדליק הייסע שמיץ.

בעבזיק האַלט זיך פאַר אַ באַק:
— אַי, איז דאָס געווען געשמאַק!

ניסל האַלט זיך פאַרן סוד...
— אוי, איז דאָס געווען אַ באָד!...

בערל, — האַלט אַן אויער צו:
— אוי, איז דאָס אַ טייכעניו!

פערטשיק, — שמייכלט פוקסיש, קלוג:
— תענוג... איז דען שייך גענוג!

מאָרגן איז דאָך אויך אַ טאָג...
אפשר נישט, מנשה, זאָג?

# דער גלאָק



ווער רייט עס אין ווילדן געיאָג
דורכן שטעטל און — שבת באַטאָג!?
— אַ יאַט אַפּן קהלשן באָק!
פאַרשרפט זאָל ווערן זיין גלאָק!
וואָס דרינזשעט און ברומט ווי אַ באַס
און וועקט אוף די אידן פון גאַס —
גראָד שבת נאָך טיש פונעם שלאָף
און ס׳ווערט אַ בהלה-געלאָף.

ווי ווייט איז פון מאַרק ביזן בריק?
וואָס נעמט עס אַהין און צוריק? —
ניט מער ווי אַ תחום-שבת דאָך,
און שבת — איז איינמאָל אין וואָך!...
איז וואָס איז דאָ טאַקע דער גוואַלד!?
חלילה, אַ גזלן פון וואַלד?!!!
ווען ניט דער פאַרזשאַווערטער גלאָק,
איז, — ווער וואָלט געוואוסט חוצן באָק?...

אַזוי ווייסן אַלע אין שטאָט:
די שול און, להבדיל, די באָד;
דער טאַטע, דער רבי, דער קאַט —
און ס׳ווערט שוין ניט אָפּגייען גלאַט!
ווארום וואָלט זיך געפירט ווי בא לייט —
איז לאַנג, בנאמנות, שוין צייט,
אַז קהל זאָל קויפן איר באָק
אַ נייעם — אַנאַנדער מין גלאָק.

אָט, טראָגט דאָך דער באַראַן אַ גלאָק —
איז וועקט ער דען וועמען פאַרטאָג?
פירט מיט זיך אַ טשערעדע שאָף
און שטערט גאָר ניט קיינעם דעם שלאָף.

פאַרקערט, — ווער עס הערט נאָר זיין קלאַנג —
שלאָפט איין ערשט, ווי נאָך אַ געטראַנק.
עס גייט אויף דער טאָג און די זון —
און ס'שטעטעלע וויים ניט דערפון.

און דאָ, — אַ טשוהונענער גלאָק,
וואָס הענגט, ווי די באָרד באַ דעם באָק;
ווי דער איינציקער האָרן פון קאָפּ,
ווי אַלץ מיטאַנאַנדער — אַראָפּ!
און ווילט זיך אַ אינגל אַמאָל
אַ רייט טאָן אַף חשבון פון קהל, —
איז שבת!... איז שלאָפט מען באַ לייט! —
ווען דען האָט אַ אינגעלע צייט?!

פאַרשרפט זאָל ווערן דער גלאָק;
דער האָרן, די באָרד און — דער באָק!

## פ ע ר ט ש י ק ל



אַרוואָס האָט ב ע ב ז י ק פ יינט
רב צאָליע נגידם אינגל,
דעם רויטן פ ע ר ט ש י ק ן
מיט דעם צעשרויפטן צינגל?

וואָס אַרט אים, וואָס ער ברענגט
אַף וואַרמעס פרענזעלן?
און דער רביצן אַ סלוי
געפרעגלטע מאַרעלן?

און טערקישן טיטון,
דעם רבין אַ מתנה?
און'עם רבינם קדישל —
אַ צוקערנע לבנה?

וואָס אַרט עס  בעבזיקן
און וועמען טוט עס שאָדן,
וואָס  פערטשיקל  אַליין
מעג יעדן טאָג זיך באָדן?

וואָס אַרט דאָס אים, וואָס ער
האָט ליב זיך צו באַרימען, —
אַז ער קען זיבן מאָל
דעם טייך אַריבערשווימען;

און אַז זיין טאַטע האָט
אַ ברישטקע אַף רעסאָרן?
און ער — אַ פערדעלע
און שטיוועלעך מיט שפּאָרן?

און אַז ער וואָלט געקענט
דעם הויכן באַרג, דעם וויטן...
אָן אָפּשטעל זיבן מאָל,
גאַלאָפּ, אַריבעררייטן.

און אַז ער וואָלט געהאַט
אַ ביקס מיט זיבן רערן, —
וואָלט ער אַוועק אין וואַלד
און געשאָסן זיבן בערן.

און אַז ער וואָלט געוואָלט —
און די מאַמע זאָל אים לאָזן —
וואָלט ער געקויפט אַ כאָרט
און געגאַנגען כאַפּן האָזן!

און, — אַז ער קען — און וואָלט —
און האָט — אַ פולע שיסל!
נאָר — בעבזיק  גלויבט אים ניט,
און  ניסעלע — אַ ביסל.

# האָגל



ינמיטן זומער טאָג אַ קעלט
און גרויע וואָלקן-לאָגלן.
פּאַראַסקע זאָגט, — די קרירה מיינט,
אַז באַלד וועט אפשר האָגלן.

מאַקאַר פאַרדרייסט דעם קאָפּ און קוקט
צום פעלד און זאָגט נבֿואות:
— דער האָגל מאַכן וועט אַ תל,
חלילה, פון די תבֿואות.

פּאַראַסקע האָט געטראָפן און
מאַקאַר שטייט איינגעקאָרטשעט —
ווי איינער וואָס דערוואַרטעט קלעפּ —
און צלמט זיך און וואָרטשעט:

— דער האָגל וועט די טשערעדע
אין סטעפּ פאַנאַדעריאָגן
און פון די לעמעלעך אַ סך, —
וועט ער צום טויט דערשלאָגן.

פּאַראַסקע טראָגט די קאָטשערע
פון קיך אַרויס אינדרויסן:
אַ סגולה צו פאַרהינדערן
דעם האָגל, איז זי אויסן...

פּאַראַסקע הייבט די קאָטשערע
אַרויף אַלץ העכער, העכער.
דער האָגל פייקלט, פויקט און קלאַפּט
אין שויבן, ווענט און דעכער.

דער האָגל פּאַלט, שפּרינגט אָפּ צוריק,
צעשפּרייט זיך, ווערט צעשאָטן —
פּ אַ ר אַ ס ק ע  האָט געטראָפן. נאָר —
די סגולה ז׳איר ניט געראָטן . . .

נאָר  ב ע ב ז י ק ן  געפעלט עס גראָד.
ער שטייט און קוועלט און פרייט זיך.
דער האָגל פּאַלט, ער בליצט און שטראַלט,
דער האָגל טאַנצט און דרייט זיך.

און ס׳בלעזלט זיך דער ברייטער טייך
און ס׳רונצלען זיך און דרייען,
ווי טעלערלעך קרישטאָלענע,
די כוואַליעס און — פאַרגייען.

דער סאָד, דעם גלחס, שלייערט זיך
און שרייט מיט אַ רציחה . . .
די הינער קלעפּן באַ די ווענט ;
די טויבן — צו דער סטריכע.

דער עפּלבוים, וואָס פאַרן הויז,
מיט אַלע צווייגן פּעבערט . . .
און ס׳פאַלן עפּל צו דער ערד
פון האָגל דורכגעלעכערט.

פּ אַ ר אַ ס ק ע  מיט דער קאָטשערע, —
זי סטראַשעט נאָר און ווערט זיך . . .
מ א ק א ר ,  אונטער אַ נאַסן זאַק,
זיך צלמט אַלץ און שווערט זיך :

— דער האָגל מאַכן וועט אַ סוף
צום פּויערס ביסל תבואה.
עס וועט אין סאָד ניט בלייבן אים
קיין פּרוכט אַף אַ רפואה ! —.

און בעבזיק טראַכט: — וואָס וויל מאקאר?!
וואָס וואָרטשעט ער עם דאָרטן? —
ער האָט קיין פעלד, ער האָט קיין סאָד,
ער האָט קיין שאָף, קיין גאָרטן.

האָט פלודערן דראָנקענע אַ פּאָר,
און פּאַסטאָלעס מיט לעבער.
וואָס אַרט אים, וואָס דער האָגל קלאַפּט
אין פרעמדע ווענט און דעבער?!

אָ, לאָז מאקאר! אָ, לאָז געמאַך!
און ליג ניט אין קיין וועלטן!
אין זומער — רעגנט, ווינטער — שנייט.
און האָגלען, — האָגלט זעלטן! —.

## די באָבע שלאָפט

די באָבע ליגט אין בעט,
די באַקן איינגעצויגן
און עפּעס טליען קוים
די האַלב פאַרמאַכטע אויגן.

די מאַמע זיצט און וויינט.
דער טאַטע אַ פאַרצאָגטער,
שפּאַנט אום מיט גיכע טריט,
ווי עפּעס אַ געיאָגטער.

די גרויע קאַץ, באַם שוועל,
אָנאויפהער וואַשט דאָס פּנים.
— זי ריכט זיך אַף אַ גאַסט...
פּ אַ ר אַ ס ק ע ווייסט... זי קאָן אים!...—

די זון האָט זיך געזעצט.
דער טאָג איז אוים, פאַרשוואונדן.
— פאַרוואָס האָט קיינער נאָך
דעם לאָמפּ ניט אָנגעצונדן?

דאָס הויז, אָן ליכט, וועט דאָך
אין חושך זיך פאַרלירן.
און דער, וואָס גייט אַהער —
וואָס וועט צום טיר אים פירן?!

און ב ע ב ז י ק, אָנגעשפּאַרט
דעם קאָפּ אָן טיש אָן האַרטן
איז מיד... עס שלעפערט אים...
ער וועט אַף א י ם ניט וואַרטן!

אַז ב ע ב ז י ק האָט דעם קאָפּ
פון דרימל אויפגעהויבן,
האָט זילבערדיק געגרויט
דער מאָרגן אַף די שויבן.

די שטוב, אים דאַכט זיך אוים,
פאַרענדערט זיך, געביטן...
עס בלאָנדזשען שאָטנס אום...
דעם טאַטנס — אינדערמיטן...

עס שוועבט אַרום אַ קעלט
אַף פאָכנדיקע פלינגלן;
מיטן פּנים צו דער וואַנט
הענגען אומגעדרייט די שפּיגלן.

עס ברענען כמורנע ליכט,
פֿאַרשטיקט די טירן סקריפּען,
און וואו די באָבע שלאָפֿט . . .
שוועבט אום אַ מידער כליפּען.

פּ אַ ר אַ ס ק ע זיצט פֿאַרוויינט,
ווייזט אוים זי האָט געטראָפֿן :
דער גאַסט איז דאָ געווען
בשעת ער איז געשלאָפֿן . . .

דאָס אַלץ איז אים ניט קלאָר,
ער קען דאָס שווער פֿאַרנעמען —
איז — וואָס זשע ציטערן איצט
אַזוי באַ אים די ברעמען ?

וואָס זענען זיינע הענט
באַ אים אַזוי פֿאַרפֿרוירן ?
וואָס וויינט זיין אייגן קול
באַ אים אין זיינע אויערן ?

# דער פעטער מאיר וויינט



דער פעטער מ א י ר פון פישטשאַן
ז׳געקומען מיט דער אַקס.
די טרערן אַפֿן פעטערס באָרד,
ווי פראָסט אַף ווייסן פלאַקס.
דעם פעטערס פנים עפּעס איז
איצט געל אַזוי ווי וואַקס.

עס טרייסלט זיך זיין קאָפּ,
דער גרויער, פון געוויין :
— אַף וועמען האָסטו מיך
געלאָזן דאָ אַליין ? !
דו ווייסט דאָך, מ ל כ ה ל ע ,
כ׳בין עלנט ווי אַ שטיין !

ס׳וואָלט בעסער זיין, אַז איך
וואָלט שטאַרבן אָנשטאָט דיר!
כ׳האָב שוין גענוג געלעבט,
ביז וואַנען איז דער שיעור?!
אוי, מלכה, מלכהלע! —
גענוג, גענוג פֿאַר מיר!

געשמאַק איז, מלכהלע,
געווען דיין קימל-ברויט
און טעם גן-עדן האָט
געשמעקט דיין באָרשט מיט קרויט
און שיין אפֿילו איז,
אוי, מלכהלע, דיין טויט.

עס קוקט אים בעביזיק אָן
מטושטש און דערשטוינט:
— דער פֿעטער מאיר? — גאָר!? —
אַבי ער האָט געמיינט —
דער פֿעטער איז אַ כוואַט...
צום סוף, גאָר... זע, ער וויינט!

עס פּלאַטערן באַ אים
די פּאות און די הענט.
דאָס געלע פּנים זיינס, —
פֿון טרערן ווי צעברענט.
ווען ער וואָלט ניט געוואוסט — — —
וואָלט ער אים ניט דערקענט!

# שבעה



דער טאַטע זיצט שבעה און ווישט זיך
די אויגן און ווערט גאָרניט מיד.
דער טאַטע איז ב ע ב ז י ק ן פּריקרע
— ווי וויינט אַ דערוואַקסענער איד?

אָט, ער — ער איז טאַקע אַ סטאַטיק:
מער סטאַטיק פון טאַטן, אים דאַכט.
ער וויינט ניט באַטאָג, אינדערליכטיק.
ער וויינט אינדערפינצטער, באַנאַכט.

פאַרטאָג קומען אידן. דער טאַטע,
פאַרבראָכן באַם האַרצן די הענט,
זאָגט קדיש און עפּעס פאַרענדערט
דאָס קול זיינס... עס קלינגט אַזוי פרעמד.

די מאַמע שוועבט אום ווי אַ שאָטן,
דאָס פּנים אירם שטענדיק פאַרטרערט.
פּ אַ ר אַ ס ק ע, אַזוי ווי אַ שטומע,
גייט אום מיטן בעזעם און קערט...

מ א ק א ר קומט אין אָוונט צוגיין
און נעמט זי וואו ערגעץ אַוועק...
דער ווינטמיל מיט זילבערנע פליגלען
שטייט מיד באַם פאַרלאָשענעם ברעג.

און פּ י י נ ע ל ע שפּילט זיך אין ווינקל
און וואָרקעט אַזוי ווי אַ טויב;
די קאַץ זיצט באַם פענצטער און זשמורעט
צום שטראַל, וואָס גייט אום אַף אַ שויב...

ווי לאַנג וועט זיך ציען דער טרויער?
ווען וועט עס שוין נעמען אַן עק?!
דער טאָג, זאָגט פּ אַ ר אַ ס ק ע, ווערט קירצער,
דער זומער איז באַלד שוין אַוועק.

פּ אַ ר אַ ס ק ע איז גערעכט, האָט געטראָפן.
דער הימל איז טאַקע ניט דאָס...
אין נאָס עפּעס שמעקט מיט אַ ווילגאָדטץ,
מיט טוכלע, צעוויאַנעטן גראָז.

פּאַרנאַכט שפּרייט זיך אוים ווי אַ שפּינוועבס
אין שטעטל דער גרויער טומאַן.
דער רבי לאָזט פריער אַהיים גיין —
איז מילדער געוואָרן... סוף זמן...

# דער באָבעס קנויל


י זון פאַרגייט און ב ע ב ז י ק זעט
אַז פּ י י נ ע ל ע איז שיין!
אַז זי האָט זיבן צײַנדעלעך
און האָט — דעם זיבעטן חן!

אַז זי האָט גאָלדנע קוטשערלעך
און אייגלעך — שטערן צוויי
און רויזן אַף די בעקעלעך —
צוויי רויזעלעך אין שניי.

און אַז זי האָט אַ מיילכעלע —
אַ זאַפטיק פרישע טרויב,
און אַז זי רופט אים „ו ע ו ו ע ל ע"
און וואָרקעט ווי אַ טויב.

און אַז איר פּנימעל איז מיד,
ווי ס'איז די אָוונט־שעה —
צי ווייסט זי אַז דאָס באָבעלע,
דאָס ליכטיקס, איז נישטאָ?

און אַז פאַר אירע קישעלעך
האָט זי דעם פוך געפּליקט?
און אַז פאַר אים די הענטשקעלעך,
האָט זי ניט אויסגעשטריקט?...

פון רויטן וואָל צוויי הענטשקעלעך
האָט זי אים צוגעזאָגט...
צוויי הענטשקעלעך מיט פינגערלעך,
ווי די, וואָס פּ ע ר ט ש י ק טראָגט.

איצט ליגט דער רויטער קנויל מיט וואָל
באַהאַלטן אין קאַמאָד
און וועגן זיינע הענטשקעלעך,—
ווייסט קיינער ניט... אַ סוד.

איצט גייט צו ווינטער, פּ י י ג ע ל ע!
און כ'האָב קיין הענטשקעס ניט!
נאָר פּ י י ג ע ל ע, — זי וואָרקעט, ברומט
און ס'פּנימעל אירם בליט...

זי ווייסט פון גאָרנישט, פּ י י ג ע ל ע,
און איר איז טאַקע וואויל.
די זון, זי זינקט; באַהאַלט זיך אוים,
ווי באָבעם רויטער קנויל...




גייט בעבזיק זיך מיט ניסעלען
באַגעגענען.
דאָס שבת-שטעטל שלומערט מיד,
ס׳וועט רעגענען.

עס בלאָזט אין הינטערגעסעלע
אַווינטעלע.
— וואָס קאָלערט זיך? — אַ פעסעלע?!
— ס׳אַ הינטעלע!

אַ ווייס געקרייזלט הינטעלע,
אַ ברעקעלע!
אַ קליין, שוואַרץ חיריק-פּינטעלע
באַם עקעלע.

אַ פלאַטשיק קמץ-נעזעלע —
אַ פּיצעלע!
אַ צינגעלע, — אַ גרעזעלע,
אַ שפּיצעלע!

עס טאַנצט אים פאַר די פיסעלעך,
דאָס שנעקעלע.
און ווינט אַזוי צוביסעלעך
דאָס עקעלע.

שטעלט אָן אַף אים די איינעלעך —
צוויי שפּינעלעך:
— כ'קען כאַפּן קליינע פיינעלעך,
און פלינעלעך.

כ'קען נאַשן מילך פון שעלבעלע,
פון טעצעלע;
צעקאַטעווען דאָס פעלכעלע
פון קעצעלע. —

עס שטעקט אַרוים אַ שפּיצעלע
פון צינגעלע:
— אַט — נעם אַהיים דאָס פּיצעלע,
שיין אינגעלע.

און ב ע ב ז י ק גלעט דאָס פּינטעלע
באַם עקעלע:
— דער טאַטע האָט, קליין הינטעלע,
אַ שטעקעלע!

מ אַ ק אַ ר — אַ שאַרפן העקעלע —
אַ מעסערל!
פּ אַ ר אַ ס ק ע האָט פיינט אַ שנעקעלע,
אַ פרעסערל.

און אינגלעך טאָרן ניט, בעבעלע,
ווי שקצימלעך,
זיך שפּילן — זאָגט דאָס רבילע —
מיט שרצימלעך...

— אַ העקעלע... אַ שטעקעלע...
הער, הינטעלע:
היט בעסער אַפּן עקעלע
דאָס פּינטעלע!

איך קען דיך, קליינטשיק בעבעלע,
ניט ראַטעווען.
עס קען דערפאַר דאָס רבילע,
אוי, קאַטעווען!

אוי, ק-אַ-ט-ע-ו-ו-ע-ן!

# די „כאַסליערע"




אַראַסקע פּוצט און פרינדעט זיך,
פאַרפלעכט די צעפּ און קעמט זיך;
כאַפּט אַלע מאָל אַ קוקעלע
אין שפּיגל און פאַרשעמט זיך.

פאַרחידושט קוקט זי בעבזיק אָן:
— איר גאָרנישט צו דערקענען! —
די אויגן אירע פינקלען פייכט,
די באַקן פאַליען, ברענען...

אינמיטן מיטוואָך אָנגעטאָן
דאָס סיטצן קלייד מיט קוויטן.
ווי קומט צו איר גאָר טשאָבעטעס
געליאַמעוועט מיט רויטן?

אַ העמד מיט בלויע פאָלעקעס? —
אַ פאָיעס מיט אַ פרענזל? —
און אויפן קאָפּ, פון קאַלינעס
און בלימעלעך, אַ קרענצל?

פאַראַסקע ריכט זיך אַז מאַקאַר
וועט קומען, און — אָט גייט ער!
מיט דריי באָיאַרענעס באַם זייט,
באָיאַרענעס באַגלייטער!

און אוי, ווי הויך זיי זעען אויס,
אונטער די אָוונט-שטראַלן ?!
און זייערע שאָטנס פאַר די פּיס, —
ווי לאַנג און שמאָל זיי פאַלן ?!

און זייערע לייוונט-פּלודערן,
ווי ווייס זיי שעמערירן!
און זייערע אַרבל, אינעם ווינט,
ווי בלאָזזעק, ווי פּאָכירן!

אַזוינע רויטע גאַרטלען! און
די וואָנצעס — לאַנגע, דינע!
און באַ מ א ק א ר ן , — אוי, ווי ס׳ברענט
די קופּערנע טשופּרינע!

די זון פאַרגייט, דער מערב צאַנקט,
דער ווינטמיל גרויט און פלעקט זיך.
און ב ע ב ז י ק קוקט און ב ע ב ז י ק זעט
און ב ע ב ז י ק עפּעס שרעקט זיך.

אים דוכט זיך, אַז ווי נאָר עס צינדט
זיך אָן דער ערשטער שטערן —
איז וועלן זיי פ אַ ר אַ ס ק ע ן טאָן
אַ כאַפּ און נעלם ווערן!

* * *

עס דרימלט ב ע ב ז י ק און ער הערט
העט, ווייט אַ פידל רופן;
אַ צימבל קלינגט... אַ שיכור זינגט
און פּיס און שטיוול טופּען.

נאָר ב ע ב ז י ק ן איז אומעטיק...
איז מיד — — — ער וויל ניט הערן! — — —
ער וואָלט געוואָלט — ער וואָלט געוואָלט —
געוואָלט אַנשלאָפן ווערן!

דער שלאָף דערבאַרעמט זיך און שפּרייט
פאַנאַנדער זיינע פליגלען —
נאָר פאַרן חלום האָט דער שלאָף
קיין שלעסער און קיין ריגלען...

אים חלומט זיך: פּ אַ ר אַ ס ק ע ה ע נ ג ט
צום ווינטמיל צוגעבונדן;
אַרום די לענדן פלאַמט איר קלייד
ווי פעבערס אָנגעצונדן...

די צעפּ די פלאַקסענע, אין ווינט,
אַרום דעם קאָפּ צעפלאָכטן.
די אויגן צוגעמאַכט... דער האַלדז
פאַרוואָרפן, ווי געשאָכטן!

און אונטער דער לבנה טאַנצט
מ א ק א ר אַזוי און פרייט זיך! —
פּ אַ ר אַ ס ק ע ה ע נ ג ט... פּ אַ ר אַ ס ק ע ו ו י י נ ט...
דער ווינטמיל, — דרייט זיך, דרייט זיך.

# שניי אַפן באַרג




די גאַנצע לאַנגע נאַכט האָט ווייס
דער ערשטער שניי געשאָטן.
איצט ליגט דער מאַרק אַ ליכטיקער
פון קיינעם ניט צעטראָטן.

ווי גוט וואָלט זיין—טראַכט בעבזיק—ווען
דער קיסר זאָל באַפעלן —
אַז קיינער זאָל אין ווייסן שניי
קיין פוס ניט טאָרן שטעלן.

און ניט נאָר טרעטן אַפֿן שניי
זאָל קיינער מער ניט טאָרן —
מיט פֿערד און שליטן זאָל מען אויך
אין שניי ניט טאָרן פֿאָרן!

און קינדער זיצן אינדערהיים,
און גייען ניט אין חדר,
און עסן ברויט מיט פּאָווידלע
דעם גאַנצן טאָג כסדר.

בלויז פֿייגל פּלאַטערן אין לופֿט,
און ס׳פֿאַלן פֿון די פֿליגלען
די שאָטנס אַפֿן קאַלטן שניי,
ווי וואָלקנדלעך אַף שפּיגלען.

און פֿון די קוימענס אַרויס
זיך הויבן הויך און העכער
טשופּרינעס רויך און שלאָגן אָפּ
זיך אָן די בלויע דעכער.

איז — וויל דער קיסר אָבער ניט
באַ אים קיין עצות פֿרעגן.
און טרעטן אַפֿן ווייסן שניי
וועט יעדער איינער מעגן.

און אָט-אָ שלעפּט זיך שוין פֿון סטאָו
דעם וואַסערפֿירערס פֿעסל,
און מעכטשע קצב שלעפּט אַ קאַלב
פֿון מאַרק צום קוילער-נעסל.

מ ע כ ט א ו י  ק ו צ י ק  פֿאָרט רייטנדיק
אַף זיין בולאַנעם לאָשיק,
און גרונע קורעלאַפּניטשקע —
דריי הינער טראָגט אין קאָשיק.

און פונעם ווייסן שניי וועט באַלד
אין גאַם אַ קאַשע ווערן.
און — ניסל, נעבעך, האָט קיין שיך
און ער האָט קיין לאַנטערן.

און לערנען נעמט מען היינט באַנאַכט,
באַם ליכטעלע, גאָטס תורה.
און נייען אין דער פינצטער, שפּעט,
האָט בעבזיק עפּעס מורא.

דערווייל איז שיין: עס ליגט דער מאַרק
אַ זילבערנער אינמיטן,
און פונדערווייטנס, אַפן באַרג
קאַראַבקעט זיך אַ שליטן.

דאָס פערדל בראָדזשעט ביזן בויך
אין שניי, ווערט שיר דערטרונקען.
דער שליטן נורעט זיך אין באַרג —
ווערט ממש איינגעזונקען!

און בעבזיק קוקט און ס׳דוכט זיך אים:
דער שליטן פאָרט און — פאָרט ניט!...
עס שפּריצט דער שניי, עס בליצט דער שניי
און דער געשפּאַן, — פון אָרט ניט!

עס סווישטשעט אינעם ווינט די בייטש,
נאָר, — ס׳איז אומזיסט דאָס טרייבן.
דער פערד-און-שליטן אַפן באַרג —
וועט דאָרטן שוין פאַרבלייבן...

נאָר אַפן וועג צום חדר קוקט
זיך בעבזיק אום אַהינטער:
דער פערד-און-שליטן איז נישטאָ,
און אַפן באַרג איז ווינטער!

בלויז פונעם אויפגעשטויבטן שניי
נאָך זעט ער פונקען בלישטשען
און אינעם ווייסן ווינט די בייטש,
אים דאַכט זיך, הערט ער סווישטשען...

ער זיצט און לערנט, און ער הערט
דעם ווינט אינדרויסן ברומען:
— אַ פרעמדער... אַפן שפּיץ פון באַרג
אין שניי איז אומגעקומען!




עס זינגען קינדער שפּעט באַנאַכט.
אין גאַס אַ מרה־שחורה:
געלערנט האָבן אינגעלעך,
באַם ליכטעלע, גאָטס תורה.
עס טוט דער שניי אין גאַס אַ וויי
און קינדער האָבן מורא —
אַל תירא, עבדי יעקב!

לאַנטערנעלעך אין בלויען שניי
און שטערן אַף די דעכער.
און די קאַזאַרמע קוקט אַף זיי
מיט בלינדע שויבן־לעכער,
און ס'בילן הינט אין בלינדן ווינט —
נו, קינדער — שטאַרקער, העכער!
אַל תירא, עבדי יעקב!



לערנט קינדערלאך מיט גרייס חשק

ווער וואַקלט זיך עס דאָרט אין שניי ?
— דאָס גייט פון שענק אַ פויער.
ווער כליפּעט עס אין ווינט אַזוי ? !
— ס'איז דער בית-עלמין-טויער !
ווער יאָמערט עס ? — אַ סאָווע קלאָגט
אַפן דאַך פון גלחס מויער !
אַל תירא, עבדי יעקב!

עס קוקן אין דער גאַס אַריין
פאַרשטאַרטע בעלמע- שויבן,
און וואו ניט וואו — אַ ליכט, אַ האַנט
און פייכט פאַרזאָרגטע אויגן...
נו, קינדער, אַלע מיטאַמאָל !
די פּאָלעס אויפגעהויבן ! —
אַל תירא, עבדי יעקב!

— ווער שאַרט זיך עס ? ווער שפּאַרט זיך עס
פון ווינט און שניי געטריבן ?
— דאָס קלענצטע לעצטע אינגעלע,
דער זיבעטער פון זיבן,
דאָס אינגעלע איז ניסעלע...
אַליין אין גאַס געבליבן —
אַל תירא, עבדי יעקב!

געלערנט האָט דאָך ניסעלע,
באַם ליכטעלע נאָטס תורה...
האָט ניסעלע, אַ ביסעלע,
אַ קאַפּיטשקעלע מורא.
שטעלט ניסעלע אַ פיסעלע
און זינגט מיט מרה-שחורה —
אַל תירא, עבדי יעקב!

# אונטער אַ שטרויענעם דאַך

דער טאַטע האָט געשאָנקען מאקארן אַ פערד.
מאקאר האָט געקויפט זיך אַ ווינקעלע ערד,
פון ליים-גרוב אַ וואָגן מיט ליים זיך געבראַכט
פאַר זיך און פאַראַסקן אַ כאַטקע געמאַכט.

אַ ברונעם געגראָבן און בוימער פאַרזעצט,
געפלאָכטן אַ פלויט און געשטריקט זיך אַ נעץ;
באַם נאָענטסטן שכן אַן אַקער געבאָרגט,
מיט נויטיקער זריעה אין צייט זיך באַזאָרגט.

פ אַ ר א ס ק ע האָט עופות, אַ שפינראָד און פלאַקס,
אַ קליינע איקאָנע, אַ קאַניץ מיט וואַקס.
פאַרקלערט זיצט פאַראַסקע באַם שפינראָד
און שפינט
די הייליקע מ אַ ר י ע — באַם האַרצן דאָס קינד —

פון וואַנט קוקט אַרונטער צום קאַניץ, וואָס ברענט;
צום פאָדים, וואָס לויפט דורך דער שפינערינס הענט...
זי הערט אינעם שאָרכן פון שפינראָד און ליין
אַ סוד, וואָס די שפינערן שפינט אין אים איין...

מאקאר זיצט באַם אויוון און רויכערט און קלערט:
— דער ווינטער — אַביסל צו לאַנג שוין געווערט.
ער האָט שוין צעאַקערט זיין ווינקעלע ערד...
וואָלט וועלן שוין וויסן... וואָס איז אים באַשערט?!...

די הייליקע מ אַ ר י ע, פ אַ ר אַ ס ק ע, מ אַ ק אַ ר—
אינדרויסן דער שניי און אין הרובע דער זשאַר...
דער וואַקסענער קאַניץ, דאָס פלאַקס און דער סוד...
עס זשוזשעט דער פאָדים צווישן שפינדל און ראָד...

# דער בונט



מנשה רויכערט שוין! —
איז דער רבי אונדז מודיע.
— נו, קומט אים ניט דערפאַר
אַ לייטישע עליה?!

ער האָט אים ערשט באַזוכט,
און — דאַנקען גאָט געפונען!
אין אַלע קעשענעס
פאַרשיידענע טיטונען.

מאַכאָרקע, קאָרינצעס,
און רעשטל-ציגאַרעטלעך;
ציגאַרן-נאָפּעלעך,
בוריאַן און בעזעם-בלעטלעך.

און אמתן טיטון,
יאָ, טערקישן אפילו!
דער רבי שמייכלט: ווייסט,
דיר פעלט נאָך אַ נאַרגילע!

וואָס איז דאָס? ווי אַזוי
מען רויכערט אַ נאַרגילע?...
מיטן קעזעקל אַרויף...
און לינגדיק, במחילה!

בלויז איינמאָל ווייזן דיר.
אַ גוטע קאָפּ... וועסט קענען!
אָט לייג זיך וועסטו זען, —
ס׳וועט רויכערן און ברענען! — —

מ נ ש ה לאַכט זיך אויס
פון קאַטערזשניקס לצנות:
אים ניט דאָס ערשטע מאָל...
און, — כ'לעבן — אָן סכנות!

געהיצט, געשוויצט — אַיי, שמיץ!
עם שרפעט, ווי דער שטייגער...
איצט זיצט דער רבי בלייך.
אַ פּנים פון אַ פּגר.

נאָר סטראַשען סטראַשעט ער:
— פון רויכערן, נאָט זאָל היטן — — —
הייבט אָן צוביסלעך
אַ בערדעלע זיך שיטן.

און ס'נעמט, ניט דאָ געדאַכט,
זיך גלוסטן דיר אַ כלה! —,
מ נ ש ה לאַכט זיך אויס:
ער שרעקט די גענדז. נו, מאַלע,

וואָס ער מארודיעט דאָרט!
ווען ער זאָל גלויבן אַלעם —
וואָלט ער שוין לאַנג געהאַט
אַ באָרד און — ז י ב ן כלות!

אַמאַי זיין ברודער בער, —
איז עלטער פון זיי אַלע,
און רויכערט דוקא ניט
און — האָט שוין לאַנג אַ כלה!

ער האָט אַ בערדעלע —
ווען ער וואָלט דאָס ניט שערן,
וואָלט לאַנג שוין פונדערפון
אַ באָקן-בערדל ווערן.

און ער וועט אויך ווי ב ע ר
דאָס בערדעלע זיך שערן.
נאָר פאַר אַ מיידעלע —
קיין חתן קיינמאָל ווערן!

מ נ ש ה רויכערט. יאָ!
ער קען זיך שוין פאַרציען!
און לאָזן ביינגעלעך
פון רויך אינלופטן פליען;

און בלויע פיינגעלעך,
און קרייזלדיקע זאַנגען;
און לאָזן דורכן נאָז
דעם רויך אין זיג־זאַג שלאַנגען.

ער לערנט יעדערן...
אפילו אונדזער נ י ס ל
קען אויך שוין רויכערן,
פאַרציען זיך אַביסל.

דער רבי ווייסט און — שאַ!
האָט אויפגעהערט צו סטראַשען.
און ב ע ב ז י ק? ב ע ב ז י ק קען!
באַלד בעסער פון מ נ ש ה ן!









און בעבזיק גייט אין חדר
צום ליטווישן מלמד.
דער טאַטע זאָגט: — דער ליטוואַק
שטעלט קינדער אַף אַ מעמד!

דער ליטוואַק איז אַ למדן
און לערנט לויט מעטאָדע
די קינדער לייענען, שרייבן,
און דקדוק... ס׳הײַנט די מאָדע.

און בעבזיקן געפעלט ער,
דער ליטוואַק מיט די ברילן,
וואָס האַלט אַז קינדער דאַרפן,
חוץ לערנען, אויך זיך שפּילן...

ער זאָגט — די בעסטע אינגלעך
האָט ער זיך אויסגעקליבן...
און ניסעלע איז נעבעך
באַם רמאַי דאָרט געבליבן...

און דאָ איז אַלצדינג אַנדערש!
די רביצן אפילו —
אַ שלאַנקע, ווי אַ פּריצע;
אַן אײדעלע, אַ שטילע.

און אַז זי רעדט צום רבין
פֿאַרשמעלערט זי די אויגן
און זינגט אַרויס די ווערטער —
געמאָסטן און געוואויגן.

אַ טעכטערל פֿאַרמאָגט זי —
אַ ליכטיקס מיט אַ צעפּל;
מיט קאַרשן־שוואַרצע אויגן
און בעקעלעך ווי עפּל.

דאָס טעכטערל הייסט פֿריידל
און מאַכט צום רבין חנדלעך,
און ווייזט דערביי צוויי שורות
מיט פּערלדיקע ציינדלעך.

און ליפּעלעך פֿאַרמאָגט זי —
צוויי שנירעלעך קאַרעלן.
זי וואָלט אפילו ניסלען,
טראַכט בעבזיק, אויך געפּעלן!

און אַז באַ פֿריידלען נעמען
די שוואַרצע אויגן גלאַנצן —
טראַכט בעבזיק אַז דער רמאַ'י
ז'ניט אומגערעכט אינגאַנצן...

אַז רויבערן איז אַ קליפּה!
און בעבזיק טוט אַ נדר:
ניט רויבערן מער... און בעסער
אין זין האָבן דאָס חדר...

נאָר פ ר י י ד ל ,— רק זי שמייכלט
מיט אירע שוואַרצע אויגן,
און ב ע ב ז י ק ברעכט דעם נדר —
נישטאָ, אַוועקגעפלויגן!...

פאַררוקט זיך אין אַ ווינקל,
וואו ס'זעט אים ניט קיין פויגל, —
פאַרדרייט ער זיך אין וויכער
פון רויך און בלויע בייגל...

עס ציען זיך יידענע זאַנגען,
עס שווימען זילבער רינגען;
און סאַמעטענע סטענגעס
און בלויע שמעטערלינגען...

געקרויזטע וואָלקן-פליטער...
אַ דינער רעגנבויגן...
אַ שמייכל צווישן לאָקן
און, — אויגן, אויגן, אויגן!



בעבזיק און פריידל

# דאָס פּאַפּירענע פערדעלע



ימאַמע ניסעלעס איז קראַנק.
זי ליגט צו בעט כסדר.
האָט ניסעלע אינמיטן זמן
געמוזט פאַרבויגן חדר...

איז זיצט ער אין דער אַלטער קלויז
און לערנט פאַרזיך תורה.
די אַלטע קלויז איז טוכלע, גרויס
און גרוי פון מרה־שחורה.

אין שעה פון וואַרעמעס, בשעת
דאָס חדר ווערט אַנטשוויגן,
הערט בעבזיק פון דער אַלטער קלויז
זיין ניסלס תורה־ניגון.

און בעבזיק קען דעם ניגון שוין
בעת לערנען ניט פאַרגעסן:
— זיין ניסעלע איז הונגעריק...
ער האָט ניט וואָס צו עסן!

פון וואַרעמעס שפּאָרט בעבזיק אָפּ
אַן איי, אַ שטיקל קוכן:
פאַר ניסעלען...זיין ניסעלע!
אָט, זאָל ער אויך פאַרזוכן...

נאָר ניסעלע איז חושד אים:
פאַרטיילט און — לאָזט פאַר זיך ניט!
און בעבזיק זעט אַז ניסעלע
גייט באָרוועס...האָט קיין שיך ניט.

* * *

די זון פאַרגייט און מאָלט אין רויט
פון קלויז די שמאָלע פענצטער.

עס הוידן גרויע שאָטנס זיך.
זיין  נ י ס ע ל ע ס — דער קלענצטער.

אַ ליכטל ברענט ... פיר קליינע הענט ...
פיר שמייכלענדיקע אויגן ...
אין ליכט, אין געלן, שעמערירט
פאַפיר אַ ווייסער בויגן ...

אין שטילער נאַכט האָט  נ י ס ע ל ע
אַ פערדל אויסגעמאָלן,
ער וויל דאָס שענקן  ב ע ב ז י ק ן.
פאַרן קוכן אים באַצאָלן ...

נאָר  ב ע ב ז י ק  קווענקלט זיך און זאָגט:
— כ'האָב שיך געקויפט פאַריאָרן —
איך טראָג זיי סיי ווי סיי שוין ניט —
צו קליין אַף מיר געוואָרן ...

איז — לאָמיר בײדע,  נ י ס ע ל ע,
אָט, גלייך אַף גלייך זיך בייטן!
אי דו וועסט האָבן שיך און איך,
אַ פערדעלע צום רייטן ...

מיר וועלן קויפן זיך אַ כאָרט;
אַ ביקס מיט זיבן רערן
און גיין אין ווילדן וואַלד אַריין
און שיסן זיבן בערן ... —

— זיין חבר  ב ע ב ז י ק  איז אַ לץ —
טראַכט  נ י ס ל  און צעלאַכט זיך.
דער אַלטער פּרוש טוט אַ ברום,
דאָס ספר זיינס פאַרמאַכט זיך;

די ווייסע ברעמען שטייפן אוף
אַריבער זיינע ברילן:
— מ־מ־ז־ר־י־ם — — ע־כ־ב־ר־ש־י־ם — — וואָן!
וואָס הייסט — — אין קלויז זיך שפּילן?! — — —

נאָר  ב ע ב ז י ק  האָט אַ פערדעלע!
דער פרוש — פּיס, ווי קלעצער
און אָפּן שטייט צום גאַס די טיר,
און קיינער היט דאָס פענצטער...

— ווער רייט עס אין דער שטילקייט פון
דער נאַכט אַזאַ פאַרשייטער? —
— ס'איז  נ י ס ע ל ע ס  זשערעבטשיקל,
און  ב ע ב ז י ק  איז דער רייטער!

דער מאַרק איז גרוי, די נאַכט איז בלוי,
דער הימל אויסגעשטערנט.
און פון דער קלויז קלינגט העל אַרוים: —
זיין  נ י ס ע ל ע,  ער לערנט!

עס אַמפּערן זיך תנאים צוויי —
אַ חרפּה צו דערציילן —
געפונען האָבן צוויי אַ קלייד
און מ'קען זיך ניט צעטיילן...

דער שרייט — סע מיינס! און דער — סע זיינס!
מע הערט ניט אויף זיך קריגן!
דערציילט עס  נ י ס ע ל ע  דער נאַכט
און דווקא מיט אַ ניגון.

און ער האָט היינט מיט  נ י ס ע ל ע ן
געטיילט זיך און געביטן...
און ס'האָבן קיין תנאים זיך
ניט אַריינגעמישט אינמיטן...

דאַריבער קלינגט אַזוי און זינגט
פון קלויז אַרוים זיין ניגון — — —
אוי,  נ י ס ע ל ע!  דיין באַנק איז האַרט,
און מיר איז ווייך צו ליגן...

# אַזוי איז דאָס געווען



מחמת נ י ס ל ס מאַמע איז געשטאָרבן
און איר איינציק קינד געלאָזן
אין דער וועלט כמעט אָן קיינעם, —
האָט דער האַרבסט דעם הימל גרוי געפאָרבן
און די כמאַרעס, דריי מעת־לעת כסדר
האָבן גאָרניט אויפגעהערט צו וויינען.

אינעם טאָג פון דער לויה,
בעת דער יתום נ י ס ל
האָט אַרויסגעשלוכצט זיין ערשטן קדיש —
האָט דער ווינט געוואויעט ווי אַ חיה,
אונטער זיך די שוואַרצע ערד געריסן.

ב ע ב ז י ק ווישט די טרערן:
— וואָס וועט איצט פון נ י ס ל ע ן ווערן?! —
— נ י ס ע ל ע וועט פאָרן
צו אַ וויטן, פרעמדן קרוב,
אין אַ שטעטעלע, פאַרוואָרפן — וויט פונדאַנען.
דאָרט איז אויך אַן אַלטע קלויז פאַראַנען,
און אַ פרוש מיט אַ קוליע,
מיט געליימטע הענט צעדאַרטע,
און אַ חלבנע ליכטל
און אַ באַנק אַ האַרטע.

און דער וויטער, פרעמדער קרוב
וועט אַוודאי אים ניט שטערן
גייען באָרוועס, אַז די שטיוול
וועלן אים צעריסן ווערן; —
עסן טעג באַ פרעמדע טישן
ניט פאַרווערן.

און אַזוי איז דאָס געווען:
אין אַ גרויען ווינטער מאָרגן
האָט דעם באַלעגאָלעס בויד־און־שליטן —
טיף אין שניי אַריינגעשניטן —
זיך גערירט און מיטגענומען
נ י ס ע ל ע ן   אין וועג אין וויטן.
קיינער אויסער   ב ע ב ז י ק ל   זיין חבר
איז געקומען אים באַלייטן.
ב ע ב ז י ק   קלאַמערשט האָט געשמייכלט...
נ י ס ל —
אויך אַביסל.
נאָר אַז   נ י ס ל   האָט די הענטלעך אויפגעהויבן,
בעת דער שליטן האָט פאַרדרייט זיך נאָכן טויער, —
האָט ערשט   ב ע ב ז י ק   רעכט באַנומען
וויפיל צער און וויפיל טרויער
עס שרייט אַרוים פון   נ י ס ל ס   שטומע פינגער;
וויפיל ביינקעניש זיין בלוט האָט מיט זיך
מיטגענומען,
וויפיל שרעק עס ליגט פאַרזיגלט
אין זיין שמייכל אין זיין שטומען!

ניט אומזיסט האָט זיך דער שליטן
אַזוי טיף אין שניי אַריינגעשניטן.
ניט אומזיסט געבראָדזשעט
האָט דאָס פערד אין שניי ביז צו די ציינער —
גלייך ס׳וואָלט שלעפן הינטער זיך
אַ שווערע משא שטיינער.

הינטערן באַרג איז מיטאַמאָל דער שליטן
איינגעזונקען,
אוים דער ווייסער בורע שניי —
גרינלעך־בלויע פונקען
אינעם ווינט.

# בריוו

נ יסל בענקט. ער שרייבט דאָס נאָכאַנאַנד
ב ע ב ז י ק ן, זיין חבר:
„אוי, מיין בלוט ווערט מיר צו גאַל
און מיין האַרץ — צו זשאַווער."

אותיות שרייבט ער דריבניקע, און שורהלעך —
פּערעלעך געקליבן.
אָן אַ שיר אַזעלכע אומעטיקע בריוועלעך
האָט ער אים געשריבן.

אָ-די אַלע שיינע בריוו וואָלט ער געוואָלט
פּ ר י י ד ע ל ע ן זיי ווייזן
און איר זאָגן: — אוי, דער זשאַווער עסט זיין האַרץ...
ס'האַרץ איז ניט פון אייזן! —

ניט נאָר נ י ס ע ל ע ס געפּערלטן כתב-יד
וויל ער ווייזן פּ ר י י ד ל ע ן.
שענער נאָך איז נ י ס ע ל ע ס געמעלעכצן —
פליטערלעך מיט דריידלען...

אונטער יעדן בריוועלע אַ מאָלעריי —
וויל מיט אים זיך טיילן —
מחמת דאָס דערציילט אים מער ווי פיל עס קען
אים אַ בריוו דערציילן.

איינמאָל האָט ער אים געשיקט אַן אָדלערל
מיט געליימטע פליגל
און אַנאַנדערשמאָל — אַ ליכטעלע, וואָס צאַנקט
צוקאָפּנס פון אַ וויגל...

און אַנומעלטן — אַן אָפּגעשיילטן בוים
מיט אַ גרינעם צווייגל...
איצטערט שיקט ער אים אַ קאַנרייטשיקל
אין אַ דראָטן שטייגל.

פ ר יי ד ע ל ע ווערט נאָר אַ שמייכל טאָן
וועט ס'ביימל נעמען בליען
און דאָס ליכט צעפלאַמען זיך... דאָס אָדלערל —
אָנהייבן צו פליען...

און דאָס קאַנרייטשיקל אין שטייגעלע —
זיך פאַנאַנדערשפּילן.
אפשר וועט פונוויטנס נ י ס ל ס האַרץ
אָט דאָס אַלץ דערפילן?

פילן ווי זיין חברס האַרץ האָט בענקענדיק
רק צו אים געצויגן,
זיך געריסן ווי אַ פייגעלע פון שטייג
אָבער ניט דערפלויגן...

# איינגעפאַלן



ער פעטער מ א י ר פון פישטשאַן
איז פלוצים אָנגעפאָרן.
— אין דאָרף איז שלעכט. ס'איז מיטאַמאָל
אים דאָרטן ענג געוואָרן...
וואָלט וועלן צווישן אידן כאָטש
דערציען ס'ביסל יאָרן. —

— דער גוי איז אָרעם ווי דער טויט
און שלעכט — ניט אויסצוהאַלטן!
דאַרפסט היטן ס'ביסל „אָרעמקייט"...
פאַרדעקן דאָס... באַהאַלטן —
אַז ניט קען ער דיר מיט דער האַק
באַנאַכט דעם קאָפּ צעשפּאַלטן.

דער פויער פֿאָרט מיט דעם געדאַנק
שוין איצט אַף די יאַרידים:
— ער האָט געהערט אין „קארטשמע" אַז
מען קלייבט זיך שלאָגן אידן...
ווען ניט די קצבֿ׳ניוקעס און
די זוואָשטשיקעס און שמידן —

וואָלט אַ פּאָגראָם אין גראָניוּוקע
פון לאַנג שוין אויסגעבראָכן,
אַ פויער האָט דאָרט בעת יאַריד
אַ אידן שוין דערשטאָכן,
דערפאַר וואָס ער האָט ניט דערלאָזט
באַראַבעווען זיין שכן.

נישטאָ דער טאָג כמעט מען זאָל
ניט הערן פון געשלעגן.
עס איז אַ פּחד היינט באַנאַכט
צו זיין וואו אונטערוועגן...
און פליט אַ שטיין — בויג אָן דעם קאָפּ
און שטעל זיך ניט אַנטקעגן.

דער פעטער מ א י ר ז׳מיטאַמאָל,
ווי עפּעס איינגעפאַלן.
וואו איז דאָס איינגלשקייט, וואָס פלעגט
אין זיינע אויגן שטראַלן?
דער טראָט איז שווער... ער שלעפּט די פיס
נאָך זיך, ווי טויטע שפּאלן...

די ווייסע באָרד אפילו האָט
איר ליכטיקייט פאַרלוירן.
די הענט, ווי קלעצער הענגען נאָך
אַזוי ווי אָפּגעפרוירן...
די אויגן ווי אין אַ טומאַן —
פאַרבלאָנדזשעטע... פאַרלוירן...

דער טאַטע קוקט אַף אים און זיפצט,
דער מאַמעס אויגן טרערן,
און ב ע ב ז י ק קוקט אים אָן און ס׳קנייטשט
זיך אים דער ווייסער שטערן:
— דער פעטער מ א י ר פון פּישטשאַן!
וואָס וועט עס פון אים ווערן?

און פ י י ג ע ל ע, זי שטיפט און לאַכט
און מאַכט צום פעטער חנ׳דלעך.
זי בלינצלט מיט די אייגעלעך
און שטשירעט מיט די ציינדלעך —
דעם פעטערס אויגן טליען אוף:
— אוי, מיר פאַר דיינע ביינדלעך!

דעם אַלטנס קניען גיבן נאָך,
דער רוקן נעמט זיך בוינגן —
אינמיטן שטוב, אַף אַלע פיר, —
דער פעטער אויסגעצויגן:
— נישקאָשע, ס׳קען נאָך פאַר א בער
דער אַלטער פעטער טויגן!

די זון פאַרגייט און בראָנזיק רויט
די שויבן נעמען גלאַנצן:
— העי, ווער וויל זען אַ ווייסן בער
מיט לאַפּעס גרויסע טאַנצן?!
אַ בער מיט רויטע אויגן צוויי
און אָן אַן עק אינגאַנצן!?

דער ווייסער בער — אַהין, אַהער.
ער טאַפּטשעט, האָפּקעט, דרייט זיך.
און פ י י ג ע ל ע זיצט רייטנדיק
אַף אים און קוועלט, און פרייט זיך.
זי פּאַטשט מיט ביידע הענטעלעך
און לאַכט אַזש זי פאַרגייט זיך!

# איבערשרעק




פרעמדער סוחר איז דאָס שטעטעלע
פאַרבייגעפאָרן
און מער ניט ווי דערמאָנט דאָס וואָרט --
פ אָ ג ר אָ מ ע ן !
און ס'האָבן זיך אינמיטן העלן טאָג
פאַרמאַכט,
ווי דורך אַ כשוף אַלע קראָמען.
געזעען האָט שוין איינער אַפן טראַקט
אַ באַנדע שיכורע מוזשיקעס.
אַ צווייטער האָט באַמערקט הינטערן וואַלד
קאַצאַפעס: העק און זעק און דריקעס.
אַ דריטער האָט אַליין געזען בשעת ער איז
פאָרהילער סאכערנע זאוואָד פאַרבייגעפאָרן —
אַ וואַלד פון שוואַרצן רויך ... אַ פערטער
האָט געהערט,
אַז פון טארעשטשיוו איז אַ באַרג מיט אַש
געוואָרן ...

און ב ע ב ז י ק זעט — דער טאַטע מאַכט
די לאָדן צו;
פאַרקייטלט, שווייגנדיק, די טירן.
אין שטוב ווערט טונקל מיטאַמאָל. די מאַמע זיצט
אין ווינקל בלייך, האָט מורא מיט אַ ברעם צו רירן.
דער טאַטע אָבער שפאַנט מיט איילנדיקע,
ניכע טריט.
דער שאָטן הינטער אים לויפט נאָך,
ווי ער וואָלט וועלן אים דעריאָגן ...
אַ פחד פאַלט אַף ב ע ב ז י ק ן :
— וואָלט כאָטש דער טאַטע טון אַ הוסט, אַ זיפץ ...
זיך טאָן אַ בייזער ... עפעס זאָגן ! ...

דער זיינער בלויז—ער טיקעט אין דער פינצטערניש
און קלאַפּט אַלץ שנעלער, טעמפּער, כמורנער,
ווי ער וואָלט וועלן פון דער וואַנט אַרונטערשפּרינגען.
דאָס טיקען ווערט געדיכטער, פולער, שווערער,
העכער, —
אָט וועט עס באַלד — דאָס איינציקע געררויש —
דעם טאַטנס איילנדיקע טריט פאַרשלינגען.

און בעבזיקן ווערט ענג אין האַלדז.
עס פעלט אים לופט צו אָטעמען...
אים ציט אין גאַס אַריין... אין דרויסן...
— ביז וואַנען וועט עס זיין אַזוי ?!
וואָס איז דער טאַטע מיטן שפּאַנען אויסן ?!
אַ קוק טאָן אַפן הימל כאָטש!
זאָל זיין אפילו דורך אַ לאָדן-שפּאַרע! —
דער הימל ענגט אַן אויסגעשייערטער,
פון הינטערן וואַלד אַפיר זיך שפּאַרט
אַ ווייסע שעפּסן כמאַרע.
באַם גלח, קעגנאיבער, הוידן זיך אין ווינט
די לאָדן און עס ווינט זיך שלאַבעריק דער טויער.
אַ וואָגן סקריפּעט אַף די הרודעס פון דער גאַס
און אינעם שאָטן פון די גרויע ווענט
זיך שאַרט פאַרביי אַ בלודנער פּויער.
און פונדערווייטנס גייט אַף זייער הויז —
מאקאר און הינטער אים — פּאַראַסקע!
מאקאר טראָגט הינטערן גאַרטל איינגעשטעקט
אַ האַק,
פּאַראַסקע—אַף די פּלייצעס עפּעס אין אַ זאַק...
עס עפנט זיך באַ בעבזיקן פאַנאַנדער ברייט
דאָס מויל.

פון האַרצן דראַפּעט זיך צום האַלדז אַן אויסגעשריי
נאָר בלייבט פאַרוואָרגן שטעקן הינטערן
לעפעלע באַ אים,
ווי אַ פאַרקילטער דריליע קנויל . . .
די טויטע שטילקייט, דוכט זיך אים, לויפט אויף,
ווערט אופגעשוואָלן, אַזש עס פּלאַצן שיר די ווענט.
וואָס שמייכלט עס דער טאַטע אַזוי פּריקרע זיך
אין באָרד אַריין?
וואָס איז באַ אים דאָס פּנים אַזוי מוראדיק צעקרימט?!
וואָס טרייסלען זיך באַ אים אַזוי די הענט!? —
וואָלט בעבזיק ניט געוואוסט, אַז דאָס איז ער, —
וואָלט ער אים בשום אופן ניט דערקענט!
און — פּלוצים לאַכט דער טאַטע זיך פאַנאַנדער
אַף אַ קול:
— אָט, קום אַהער, מיין ווייב! . . . מיר האָבן געסט!...
געקומען היטן אונדזער האָב און גוט . . . דו זעסט?
פּאַראַסקע און מאַקאַר!

אין אָוונט בעת די זון האָט אָנגעהויבן אונטערגיין
האָט אַפן באַרג באַוויזן זיך אַ מחנה פּויערים,
מיט רידלען אַף די אַקסלען און מיט אַ געזאַנג
געלאָזט זיך מיטן שליאַך אין שטאָט אַריין.
די בליאַסקענדיקע רידלען האָבן רויט
געשימערט קעגן טונקעלען גאָלד
פון לעצטן אָוונט־שיין.
אַ שטערן בלינקט
אין נאָס
אַריין.

פאַרטאָג, אַז בעבזיק האָט זיך אופגעכאַפּט פון שלאָף
האָט ער געהערט פ אַ ר אַ ס ק ע ן יאַכמערן אין קיך.
די מאַמע האָט געוויינט און מיט אַ הייזעריקן קול
געטענהט און געבייזערט זיך.

פ אַ ר אַ ס ק ע שווערט זיך, אַז זי האָט
קיין בייז חלילה ניט געמיינט.
ניט מער — מ א ק א ר — ער טענהט רק:
—פאַרוואָס קומט פרעמדע זאָלן איזדיעקעווען?!...
אַ פרעמדער קען, חלילה, נאָך דערלאַנגן מיט
דער האַק ——
און —— וואָט, טאַק!

דער טאַטע לאַכט און זאָגט איר צו —
אַז ער וועט האַלטן נאָר באַ פאָרן קיין אַמעריקע,
וועט ער מ א ק א ר ן שענקן פאַרדערפאַר...
די רויטע מעלקעדיקע קו.
און אַלם אַן אָדעראָף—וועט ער איר געבן איצט
אַ גאַנצן לאַבן קאָרן ברויט.
און,— זאָל זי אויפהערן צו וויינען מחמת ס'ווערן איר
די אויגן, נעבעך, רויט...



אין וועג אַריין

# אין וועג אַריין



אַ פּנים אַז דער טאַטע, בעבזיקס,
האָט קיין חוזק ניט געמאַכט,
בעת ער האָט פּאַראַסקען אויסגערעדט
דאָס האַרץ,
און קלאָמפּערשטן דערביי געלאַכט —
„אַז ער וועט האַלטן נאָר באַ פאָרן
קיין אַמעריקע,

זאָגט ער איר צו,—
מאקארן שענקן פאַרדעפאַר...
די רויטע מעלקעדיקע קו.”

איז, מילא—ווענן דער מתנה—בלייבט צו זעען נאָך.
נאָר ווענן פאָרן קיין אַמעריקע,
איז רעדט מען שוין אין שטוב די גאַנצע וואָך.
פּאַראַנען שוין אפילו קונים אַפן הויז
און אַפן מעבל... מער ניט ווענן בעטגעוואַנט
גייט אַן אַ פּלוגתא בלויז:
די מאַמע דרינגט, אַז פּעדערן אין אַמעריקע
איז נאָר מיט גאָלד צוגלייך.
דער טאַטע ווידער האַלט, אַז דאָס איז נאָר
אַן איינגערעדטע זאַך,
אַז פּעדערן זאָל טאַקע זיין אַזאַ מציאה
באַ קאָלאָמבוסן —
וואָלט שוין אַמעריקע — דאָס לאַנג געהאַט...
קאָלאָמבוסעס מדינה איז נישקאָשע רייך!
און שפּאַרנדיק זיך אָט אַזוי פאַוואָלינקע
האָט מען פאַרקויפט
דאָס הויז, דאָס מעבל מיטן בעטגעוואַנט.
די קו האָט אָפּגעקויפט אַ קצב — מיט אַ פּנים
פון אַ דעזענטער.

נאָר אַז דער קצב האָט די קו געטאָן אַ
דזשווינגע פאַרן שטריק
און די בהמה האָט איר כמורנע מאָרדע
אויסגעדרייט צוריק
און מיט אַ שטיל פּלאַקסיוון קול אַ ברום געטאָן, —
האָט זיך דאָס פּנים באַ דער מאַמען אויסגעקרימט,
אַשטייגער ווי מען וואָלט באַ איר אַרויסגעשלעפּט
אַ צאָן.

כאָטש ב ע ב ז י ק ווייסט פאַרוואָס
דער טאַטע האָט אין איילעניש די קו פאַרקויפט —
מען וויל זיך ראַטעווען פון טויט,
איז שניידט מען אָפּ אַ פוס... און מע לויפט!
אַן עולה אָבער, טראַכט זיך ב ע ב ז י ק,
איז דאָס פאַרט!
פאַרקויפן צו אַ קצב אַף דער שחיטה —
האָט מען ניט געטאָרט!

און פרייטיק בעת די מאַמע האָט דערלאַנגט
צום טיש דאָס שטיקל פלייש,
האָט ב ע ב ז י ק זיך ניט צוגערירט דערצו:
ווער ווייסט צי איז דאָס ניט פון זייער קו?!...

באַנאַכט האָט זיך געחלומט ב ע ב ז י ק ן,
אַז ער זיצט רייטנדיק באַ דער בהמה אַפן קאַרק
און גאַלאָפּירט מיט איר אַדורכן מאַרק.
ער רייט, — נאָר אַף די פּלייצעס ליגט באַ אים
אַזאַ משונהדיקער גרויסער פּאַק —
אַ באַרג!
און הינטער דער בהמה לויפט מ א ק א ר
און פּאָכעט מיט אַ לאַנגער בלישטשענדיקער האַק.
פ אַ ר אַ ס ק ע האַלט אים פאַר אַ פּאָלע פון קוזשוך
און יאָמערט... ווישט די אויגן מיט אַ זאַק...

גיט  ב ע ב ז י ק  מיט די שטיוועלעך
אַ קיצל די בהמה הינטערן סאַמע בויך,
דערלאַנגט זי זיך אַ הויב, אַ דרינג מיט די פּיס,
און ווערט פאַרשוואונדן אינדערהויך.
מ א ק א ר  פאַרמעסט זיך מיט דער לאַנגער האַק,
און טרעפט דער ברונזער לבנה גלייך אין באַק . . .
כאַפּט  ב ע ב ז י ק  אַף דער גיך זיין פּאַק
און הענגט אים אויף אַף איר
און ווערט מיט איינמאָל גרינג
אָט — ממש ווי דער שאָטן פון אַ שמעטערלינג.

אַז  ב ע ב ז י ק  האָט די אויגן אופגעמאַכט,
איז קעגנאיבער אַף דער נאַקעטקייט פון וואַנט
געהאַנגען שוין די ערשטע פּאסמע ליכט פון
ווייסן טאָג.
אין קיך האָט עמעצער מיט שווערע טריט
אַרומגעשפּאַנט,
געגאָסן געגלוואַסער און געהוסט.
אים דאַכט, ער הערט דעם פעטער  מ א י ר ם  קול.
ער האָט באַצייטנס זיך דערוואוסט
פון טאַטנס פּלוצימדיקער פּאַרעניש און בייזערט זיך:
— אים אָנגעקומען ווי אַ גוי הינטערן באַרג
אינמיצקע דרינען . . . מיטאַמאָל!

אין  ב ע ב ז י ק ס  ביינער אָבער ליגט נאָך
האַרט דער שלאָף;
די וויעס קלעפּן זיך . . . ער דרימלט איין אַ קאַפּ,
און פילט, ווי דורכן דרימל זיפּט זיך דער גערויש —
פאַנטאָפל וויכע שאַרן זיך באַ דרערד.
די טיר די דרויסנדיקע סקריפּעט, מאַכט זיך אוף;
באַוועגט זיך און פאַרמאַכט זיך מיט אַ קלאַפּ.

אין שטוב ווערט שטיל, ניט מער, —
אינדרויסן, פאַרן טויער הירזשען פערד,
אַ גלאָק פאַרזשאַווערט דרינזשעט
מרה-שחורהדיק און שווער.

אַז ב ע ב ז י ק האָט זיך אופגעכאַפּט צום
צווייטן מאָל,
האָט ער געטראָפן שוין די מאַמע אין
איר פוטער אָנגעטאָן,
דעם קאָפּ אַרומגעקוטעט מיטן טערקיש-רויטן שאַל;
די אויגן רויט, דאָס פּנים בלייך, פאַרטרערט.
און באַ די מאַנסבילן האָבן שעמעוודיק
געקלאָגט די בערד.
באַם פעטער מאיר אַף די שטיוול, זעט ער, ליגט
אַזאַ מין ציגל-געלע, קלעפּעדיקע ערד.
ער שטויסט זיך אָן: — ווייזט אוים מע פאָרט — — —
געגאַנגען זיך געזעגנען מיט דער באָבען
אַפן גוטן אָרט.

# אַפן באַרג



אָם קריכט די פור אַזוי
פאַרביי די געסלעך שטילע? —
מען שלעפּט זיך ווי צו אַ
לויה, חס-וחלילה!

באַ יעדערן די צונג,
ווי צונגעקלעפּט צום גומען.
מע שווייגט, אָט ווי עס וואָלט
דאָס לשון אָפּגענומען.

דעם באַלעגאָלעס פערד, —
אפילו זיי במחילה,
פאַרשטייען און היטן זיך
אַ הירזשע טאָן אפילו...

עם פאַלט אַף  ב ע ב ז י ק ן
אַזאַ מין מרה-שחורה: —
וואָס היט מען זיך אַזוי?
פאַר וועמען האָט מען מורא?!

צי איז דאָס ניט צומאָל,
דאָס אַלץ, אַ וויסטער חלום?
אַ ווילד פאַרבלענדזעניש? —
ניט גוטע, חס-ושלום?!

נאָר ווי געשיקט זיך עם? —
ער הערט דאָך הענער קרייען!
און אַפן מזרח-ראַנד
הייבט אָן דער טאָג שאַרייען!

און אַז עם קרייעט דער האָן
און נאָך פאַרטאָג, אַ-פּשיטאָ, —
איז, ווי זשע קענען דאַן
ניט-גוטע האָבן שליטה?!

און אָט איז דאָך דער באַרג,
אין זון אַ ראָזלעך-העלער,
און אונטן שטיבעלעך,
ווי פלינן אַף אַ טעלער.

דאָרט שלענגלט זיך דער שליאַך,
און אַפן שליאַך — אַ מיידל!
זי לויפט אַרויף צום באַרג —
איז דאָס צומאָל ניט  פ ר י י ד ל!?

עס קריכט ווי אַ טאַראַקאַן
פּאַמעלעכל דער וואָגן:
— לויף גיכער, פ ר י י ד ע ל ע!
דו וועסט אים נאָך דעריאָגן!

די פור, וואָס ראַטשקעוועט
אַרויף דעם וועג דעם שווערן, —
דערגרייכן וועט דעם באַרג
און נאָכדעם — נעלם ווערן...

אוי! — שוין דערגרייכט דעם שפּיץ.
מע קען ניט פאָרן העכער! —
אַזוי פיל פענצטערלעך!
אַזוי פיל זון און דעכער!

נאָר וואו איז פ ר י י ד ע ל?
הפּנים מיד געוואָרן.
אוי, פ ר י י ד ע ל ע, די פור
הייבט אָן אַרונטערפאָרן!

דאָס שטעטעלע פאַרבלענדט,
פאַרבליאַקעוועט... פאַרפאַלן!
קוים-קוים מע זעט נאָך אָן
די קלויסטער-צלמים שטראַלן...

נו, סוסימלעך הייבט אוף
די קאָפּיטעס, במחילה:
מיר קענען נאָך דעם באַן
פאַרשפּעטיקן, חלילה.

מען זאָגט די באַנען פליען
ווי שדים אין אַ וויכער.
און אַפּן ים די שיף —
דער אָדלער פליט ניט גיכער!

דעם אָדלער זעט ער נישט —
עס פֿליִען טויבן ווייסע.
און זיי דערמאָנען אים
אָן נ י ס ע ל ע ס א מעשה:

— צוויי טויבן האָבן זיך
געטאָן אַמאָל באַמיִען, —
דעם ברייטן טיפֿן ים
באַנאַנד איבערפֿליִען.

— אַז דו וועסט ווערן מיד,
זאָלסטו דאַן נעמען ברומען,
וועל איך דערהערן און
אין צייט צו הילף דיר קומען...

און איך וועל אויך פֿאַר דיר
מײַן מידקייט ניט באַהאַלטן...
און אין אַ שטורמווינט
זאָלסטו מיך אונטערהאַלטן...

געקומען אָבער איז
אַ שטורם ווילד צויאָגן —
די טייבעלעך צעשיידט,
אין וויסטן ים פֿאַרטראָגן.

איין טויב איז אַפֿן ים
אין שטורם אומגעקומען, —
איז ליגט זי אַפֿן גרונט
און הערט ניט אויף צו ברומען.

די צווייטע האָט דער ווינט,
וואו אַף אַ פֿעלז פֿאַרטראָגן.
איז, — זיצט זי אַף אַ ריף
און הערט ניט אויף צו קלאָגן...

נאָר אַז דער שטורמווינט
וועקט אויף די זיבן ימען, —
ברענגט ער די בענקעניש,
די טייבעלעכם, צוזאַמען.

און ווער עס הערט אין ווינט
דאָס שותּפותדיקע ברומען, —
וועט קיינמאָל שוין צום ברעג,
וואוהין ער שווימט, ניט קומען.

ער וועט דאָס בענקעניש
פון ביידע טויבן אַרבן;
זי וועט פאַרצערן אים,
פאַרפייניקן ביז שטאַרבן!...

* * *

אַז בעבזיק וועט דעם ים
אַריבערפליען בשלום —
וועט ער אים שרייבן דאַן:
— אַלץ, אַלץ איז נאָר אַ חלום.

די ערד, דער ברייטער ים.
דער הימל און דער שטורעם, —
מיר וועלן זיך נאָך זען.
האָב נאָר ניט קיין יסורים!

וועסט קומען נאָך צו מיר.
דו הערסט, ידידי ניסל?!
איך בענק נאָך דיר אַזוי!
און דו — בענקסט אויך אַביסל?

# טייטש ווארט

## א

אָגער — א זכר־פערד

איקאָנע — א הייליק בילד

ארגילע — א טערקישע ליולקע, א וואסער־פלאַש ליולקע

## ב

באַברעט — פּאָרען זיך, זוכן, נישטערן

באַנטע — באַלקן, קראָקווע, בוידעם־באַלקן

בוריאַן — ווילד־גראָז, ווילדע בלעטער, ווילד־פלאַנץ

בעבעט — פּלאַפּלט, רעדט אומפּאַר־שטענדלעך

בלודנע — פאַרבלאָנדזשעט, פאַרלוירן

בוראַטשקאָווע — בוריק־רויטלעך

בריטשקע — קאָוטש

בולאַנע — קאַשטאַן־גרוי

באַיאַרענעם — הערן געסט בא א חתונה, אזא מין טיטול

## ג

גנופּיק — מעסערל מיט א הילצערנעם הענטל

גניאַדע — רויטלעך־גרוי. ליים קאָליר (גייט איבערהויפּט אויף פערד)

## ד

דזיאַבעלע — פּענק, אָן אויפשפּראָץ פון א ציינדל

דעזענטער — איינער וואָס אַנטלויפט פון מיליטער דינסט

דריליעווען — בויערן, גראָבלען

דרינזשעט — קלינגט ווי אָן אָנגעשפּאַל־טענע כלי, אַן הייזעריקלעכער קלונג

דריגע — צאַפּלען, זיך שליידערן

## ה

הנוי — מיסט, שטאַל־אָפּפאַל

## ו

וואַליקעם — פּוישטענע שטיוול

וויון — א מין פיש, וואס וואָרפט זיך ווי א שלאַנג

וואָט טאק! — אָט אזוי!

וויזעלע — אזא מין חיהעלע, א רירעוו־דיקעס, צאַפּלדיקס

וויזל־טיר — ראם, ביזון

## ז

זאַווארוכע — שניי־שטורם, זאַווייַ

זיקנה — א גרויע באָרד, גענוצט אין אוקריינע

זאַבאַבאָנעם — איבערגלויבן, באָצרעס

זוואָסטשיקעם — שמייסער, קוטשארעס, בעל עגלה

זשוואָווע — רירעוודיק, באַוועגלעך, ענערגיש

זשאָלאָדנע — חזיר־נוס, אייכל

זשמורעט — בלינצלט מיט די אויגן, האלט ביים איינשלאָפן

זשערעבטשיקל — א יונגער אָגור, א לאָשיק

זשמעניע — הויפן, הענט־הויפן

זשלאָב — גרוביאַן, בור

## ט

טיינע — סיקרעטנע, פאַרבאָרגן

טראַנטעם — שמאַטעס

טריפּעט — צאַפּלט, וואָרפט זיך

טינקעוועט — קאַלכט, שמירט מיט דינעם קאַלך־ליים

טשופּרינע — טשוב, פאַטלע האָר איבערן שטערן

טשאָבעטעם — פּויערישע שטיוול

## כ

כאַטקע — פּויעריש לייט־שטיבל

כלאָפּ — פּויער יונג

כרופּלע — הייזעריקלעך, פון וואָרט כרופּען אין האַלדז

## ל

ליוז — אזא ביטערע שמירעכץ, וואָס פרויען נוצן בשעת אנטוויינען קינדער

לעוואדע — א גראָז לאנקע אין מיטן פון א טייך

## מ

מארכאָרקע — גראָבלעך געמאלענער טאבאק

מוזשיקעס — אוקריינישע פויערים

## ס

סוויטע — א מין בורקע, א דיקער געוואָנטענער מאנטל

סקאָוורעדעס — פריי־פאנען

סקאדראָנען—פלאטע, ראָטעס סאלדאטן

סאכארנע זאוואד — צוקער פאבריק

סקאָרינקע — סוכארטשיק, דאר שטיקל ברויט

## פ

פאלאניק — הילצערנער לעפל

פאָסטעלעס — פויערשע שיך געמאכט פון איין שטיק לעדער

פאיעס — א פויערשער גארטל

פאָרשקעט — פארשקעט מיט די ליפן. פארשקעט ווי א קאץ

פאָלעקעס — אויסגעהעפטע באמוועל אָזאָרן אויף העמדער פון פויערן פרויען

פראזניק — חגא, פויערשער יום טוב

פאניטשל — פריצל

פאסטקעס — אויף צו פאנגן פייגל און חיות

פאָכירן — בלאטער, וואָס מען קריקט נאך אן אפברי

פאָדלע — שלעכט, פארדאָרבן

פאָדעליק — שוים

פראקליאטע — שלעכט

פריקרע — ניט אנגענעם, מאדנע

פרינדעט זיך — פוצט זיך

פאָפעליאטע — אש־קאָליר

פלעדערוויש — א פליגל פון א טויטער גאנדז, וואָס מען נוצט באם אויוון

פריסיק — זשאר, רויטע פייער פונקן

פראָשע — פארשטויבן

## צ

צווינטער — גויעשער בית עולם

## ק

קאניצל — נאכט לעמפל, איקאנע לעמפל

„קאָטא״ — א קאָטע פון דער סמעטענע. אן אויסרוף צו פארטרייבן א קאץ

„קאָזאק״ — א קאָזאצקע טאנץ

קאָזעלקעס — אקראָבאטישע שטיק, זיך איבערקוליען

קישמיש — אזא לעקעך מיט ניס און ראָזשינקעס

קאָרינציעס — טאבאק געמאכט פון דיווארצלן פון טאבאק

„קאָרטשמע״ — שענק, גאסט הויז

קוזשוך — א פויערשער פעלץ

קיטקע — א געפלאכטענער קוליטש

קאמאָד — אן אלמער מיט שיפלאדן

## ר

רעסארן — שפרונזשינעס בא א קאָטש אָדער בריטשקע

## ש

שארעווארעס—ברייטע פויערישע הויזן

שליארעס — געפעלדלטע בענדער אָדער בליאנדן

שקארמיצן — אויפגעוויקלט פון פאפיר, וואָס זעט אויס ווי א היטל צוקער

שמשיטינעס — חזיר־האר

שאפקע — פויעריש פעלצן היטל

שרעטעלע — א מין שדל (געווייגטלעך גענוצט אין גוטן מוט)